
וועגן
וועלוול טשערנין

Издание осуществлено ОО «Наследие ЕАО»
с использованием средств гранта Президента Российской
Федерации на развитие гражданского общества,
предусмотренного Фондом  президентских грантов.



וועלוול טשערנין

# וועגן

לידער

ביראָבידזשאַן 2021

וועלוול טשערנין איז געבוירן געוואָרן אין מאָסקווע אין 1958 און עולה געווען אין 1990. ער האָט זיך געלערנט אויפֿן היסטאָרישן פֿאַקולטעט פֿונעם מאָסקווער מלוכה־אוניווערסיטעט, אין דער גרופּע ″ייִדיש“ פֿון די העכערע ליטעראַרישע קורסן בײַם מאָסקווער ליטעראַטור־אינסטיטוט און אינעם ייִדיש־צענטער פֿונעם אוניווערסיטעט בר־אילן. דעביוטירט מיט לידער אויף די שפּאַלטן פֿונעם זשורנאַל ″סאָוועטיש היימלאַנד“ אין 1993. זיך געדרוקט אויך אין ″ביראָבידזשאַנער שטערן“, ″בײַ זיך“, ″די גאָלדענע קייט“, ″ירושלימער אַלמאַנאַך“, ″די פּען“, ″נײַע וועגן“, ″טאָפּלפּונקט“, ″אויפֿן שוועל“, ″די גילגולים“, ″פֿאָרווערטס“ און אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבעס. פֿאַרעפֿנטלעכט לידער־זאַמלונגען ″בין־השמשות“ (1997), ″דער וועלפּישער ניגון“ (2001), ″אליבא דידי“ (2004), ″אויסדערוויילטע לידער“ (2005), ″תּרשיש“ (2007), ″שלאָס־סמ״ך“ (2010), ″אַרבע־כּנפֿות“ (2015) און ″בײַם ראַנד פֿון שטורעם“ (2019), ווי אויך ″תּיקון“, אַ קורצע אַנטאָלאָגיע פֿון פֿרעמדשפּראַכיקער ייִדישער פּאָעזיע אין זײַנע איבערזעצונגען אויף ייִדיש (2021) און אַ זאַמלונג עסייען ″נאָענט צו מיר“ (2017). וועלוול טשערנינס לידער זײַנען דערשינען אין אַ בוך־פֿאָרם אין איבערזעצונגען אויף העברעיִש, אוקראַיִניש און רוסיש. ער האָט איבערגעזעצט אין רוסיש ווערק פֿון אבֿרהם גאָלדפֿאַדען, שלום־עליכם, זלמן שניאור, אורי־צבֿי גרינבערג, חיים גראַדע, ישׂראל־יהושע זינגער, יצחק באַשעוויס־זינגער, מיכאל פֿעלזענבאַום אאַ. פֿאַרעפֿנטלעכט פֿילצאָליקע אַרטיקלען איבער דער ייִדישער ליטעראַטור. געשריבן טעקסטן פֿאַר ייִדישע טעאַטער־ און עסטראַדע־קאָלעקטיוון פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, אוקראַיִנע און ישׂראל. אַ צונויפֿשטעלער פֿון אַנטאָלאָגיעס פֿון דער ייִדישער דיכטונג אין איבערזעצונג אויף אוקראַיִניש (2007 און 2011) און אויף העברעיִש (2016), ווי אויך פֿון דער אַנטאָלאָגיע ″אַ רינג. ייִדישע פּאָעזיע. דער נאָכן־חורבן־דור“ (2017). אַ מיטרעדאַקטאָר פֿון ″ביבליאָטעק פֿון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור“, פֿונעם זשורנאַל ″ייִדישלאַנד“ און פֿונעם אַלמאַנאַך ″ביראָבידזשאַן“.

**ISBN 978-5-6044634-6-8**

# וועלוול טשערנין:
# פּאָעזיע אַלס זעלבסטדערקענטעניש

וועלוול טשערנין איז אַ יורש און אַ שומר פֿון טראַדיציעס פֿון די גרויסע ייִדישע פּאָעטן פֿונעם פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. אין זײַנע לידער צעבליִען לייב נײַדוסעס װוּנדער־בלומען, צומאָל זײַנען זיי דורכגעדרונגען מיט אורי־צבֿי גרינבערגס תּנ״כישן פּאַטאָס אָדער מיט משה־לייב האַלפּערנס איראָניע. וועלכע באַהעפֿטן זיך מיט מאַני לייבס פֿאָלקסטימלעכקייט. וועלוול טשערנינס לידער האָבן אין זיך אַרײַנגענומען פּרץ מאַרקישעס לײַדנשאַפֿט און יעקבֿ גלאַטשטיינס ראַפֿינירטע שפּראַכלעכע עקספּערימענטן. דאָס אַלץ באַטײַט ניט, אַז וועלוול טשערנין איז אַ נאָכמאַכער אָדער אַ סטיליזאַטאָר. ער איז אַ יורש און אַ שומר. נוצנדיק הויכע רייד, קען מען פֿאַרגלײַכן וועלוול טשערנינען מיט אַ כּהן, וואָס היט און האַלט אונטער נר־תּמיד אין בית־המקדש, הגם בית־המקדש איז פֿאַרלאָזט און פֿאַרוויסטעט.

װעלװל טשערנין איז אַ יורש און אַ שומר, נאָר ניט קײן סטרוזש, װעלכער היט אַ פֿאַרמעגן, װאָס ליגט װי אַ טױטע לאַסט. װעלװל טשערנין גיט צו צו דער דאָזיקער טראַדיציע זײַן קול, ער פֿאַרמערט זײַן ירושה, און זײַנע לידער זאָגן עדות װעגן דעם, אַז די טראַדיציע, װעלכע ער האָט געירשנט, איז ניט געשטאָרבן, נאָר זי איז ממשיך צו לעבן און זיך אַנטװיקלען. און אפֿילו מער פֿון דעם — בײַ װעלװל טשערנינען װערט דער פּאָעטישער דראַנג, די פּאָעזיע אַ גאַראַנטיע פֿון דער אַרומיקער װעלטס קיום, אַן "אָביעקטיװע רעאַלקײט". די װעלט װערט צוגעגליכן צום טעקסט, און די אותיות (אָדער זײער אָפּװעזנהײט) דעטערמינירן פֿאָרמען פֿון מאַטעריע: "אינעם חושך קײן װעזן, קײן סימן, קײן אות". דאָס פּאָעטישע װאָרט איז אין אָט דער װעלט דעם טעקסט די מאָס און די קאָאָרדינאַטע:

*אין דער װעלט פֿון צװײ ראַנדן*
*ניטאָ איז קײן ברײט,*
*נאָר די לענג פֿון אומענדלעכע ראַנדן*
*און די הײך, װאָס טוט שטײַגן כּסדר דערפֿרײט*
*דורך אַ סעריע פֿון נאָכאַנאַנדן.*

דער דאָזיקער טעקסט געפֿינט זיך אין אַ באַשטענדיקער באַוועגונג, אינעם צושטאַנד non-finite, רעפּראָדוצירנדיק מיט דעם די ניט־פֿאַרענדיקטקייט פֿונעם וועלטבוי. אין די געזעצן פֿון דער שפּראַך און פֿונעם פּאָעטישן טעקסט גופֿא, אַזוי ווי דאָס איז געווען אינעם אייראָפּעיִשן קינסטלערישן אַוואַנגאַרד, זוכט וועלוול טשערנין אויך באַשיידן פֿון דער טבֿע פֿון צײַט־און־רוים:

*די צײַט לויפֿט און שטייט אויף איר אָרט,*
*און חוץ איר אָרט, זײַנען קיין אַנדערע ערטער ניטאָ.*

דער פּאָעטישער טעקסט פֿילט אויס בײַ וועלוול טשערנינען נאָך איין וויכטיקע פֿונקציע — פֿון אַ עקזיסטענציאַלן שפּיגל, אין וועלכן ס׳ווערט אָפּגעשפּיגלט דער מענטש. אויף אַזאַ אופֿן ווערט די פּאָעזיע אַן אינסטרומענט פֿון זעלבסטדערקענטעניש. וועלוול טשערנין גלײַך ווי פֿאָרשט זיך אַליין אין פֿאַרשיידענע אַספּעקטן פֿון זײַן קיום. און דווקא דאָס שיידט אים אונטער פֿון זײַנע פֿאָרגייער: דער צונויפֿשטויס פֿון פֿאַרשיידענע שיכטן פֿון ייִדיש, די באַהעפֿטונג פֿון לשון־קודש, רוסיש און ייִדיש ווערן ניט באַגרענעצט אין וועלוול טשערנינס לידער מיט אַ ווירטואָזן מעטאַפּאָעטישן אַנאַליז אינעם גײַסט פֿון יעקבֿ גלאַטשטיינען, נאָר זיי אַנטוויקלען זיך אין

דער ריכטונג פֿונעם באַזיניקן אַ מעגלעכקייט פֿון אייגענעם קיום אינעם רוים פֿון דעם דאָזיקן לינגוויסטישן קנופּ און צונויפֿפֿלעכטונג פֿון קולטורן. די נאַציאָנאַלע פּאַטעטיק האָט ביַי וועלוול טשערנינען — כאָטש זי שטאַמט פֿון אורי־צבֿי גרינבערגן — אַ באַזונדערע באַטיַיטונג: דאָרט, ווו אורי־צבֿי איז קאָמפּראָמיסלאָז און קאַטעגאָריש, איז וועלוול טשערנין פֿילדיַיטיק און ער האָט ספֿקות:

*ס׳וועדט די אמונה אומגלויביק*
*אונטערן פּליעסק פֿון המון.*

וועלוול טשערנין ווענדעט זיך צום לייענער אין דער ערשטער פּערזאָן, עפֿענענדיק אויף אַזאַ אופֿן פֿאַר אים אַן אַריַינגאַנג איז זיַין אייגענער וועלט דעם טעקסט. ער גיט ניט קיין ענטפֿערן אויף אַלע פֿראַגן, נאָר ער שטעלט זיי פֿאַרן לייענער, איניציאירנדיק דעם פּראָצעס פֿון זיַין זעלבסטדערקענטעניש. צי ניט אין דעם איז איינע פֿון די אויפֿגאַבן פֿון דער עכטער פּאָעזיע?

***הלל קאַזאָווסקי***



# עבֿריטײַטש

## מײַן לשון קומט פֿונעם מידבר

אויף מײַן בלאָנדזשענדיק לשון
זאָג איך: געבענטשט ביסט, מײַן ארץ־ישׂראל,
וואָס לאָזט אַרײַן אַלע שבֿים,
וואָס טוט פֿאַרשטיין שבֿעים לשון.

געבענטשט איז דײַן אײביקער הימל,
וואָס גיט דעם בטחון די ייִדן.
געבענטשט איז דײַן הייליקע ערד,
וואָס אומקערן וועט אונדז דאָס לעבן.
געבענטשט איז דײַן לופֿט, וואָס איז זיס
ווי האָניק פֿון ספֿר במדבר.

דאָס לשון מײַנס קומט פֿונעם מידבר
מיט גליִענדיק־זאַמדיקן שטויב,
עס קלינגט ווי אַ טרוקענער שופֿר
און טוט פּראָקלאַמירן: "כּי טובֿ!"

ירושלים תּשע"ט

***

בעת איך בלעטער אַ ספֿר —
אַ סידור, אַ חומש, אַ תּהילימל,
משניות אָדער אַן אידרא פֿונעם זוהר,
פֿיל איך כּסדר אַ משונהדיקן בטחון,
אַז נאָך אַ רגע און דער בורא
וועט נתגלה ווערן פֿאַר מיר.
לעת־עתּה כּקדם בין איך זיך ניט מייאש.
דער בטחון איז משׂמח מײַן נשמה
ווי יין־המשומר.

ירושלים תּשע״ט

# פֿון דער ערשטער פּערזאָן

אין דער דריטער פּערזאָן איז די וועלט ניט פֿאַראַן.
זי איז תּמיד די ערשטע פּערזאָן.
ס׳איז געפֿלויגן אין הימלען אַן איינזאַמער שוואַן
ערגעץ נאָענט ביז גאָר צו גוש־דָן.

און אַן אַנטי־ראַקעטע האָט ער אויפֿגעוועקט.
ס׳איז געבליבן איין פֿעדער פֿון אים.
און דער פֿעדער האָט ווײַס אין פֿריזורקע געשטעקט
ווי אין גלות אַ ייִדישע שטים.

ס׳איז די אַנטי־ראַקעטע אַ מאָדנער פּאַרשוין,
ווײַל זי איז אומפֿאַרמײַדלעך גערעכט.
זי דערוועקט זיך באַצײַטנס, טוט טרעפֿן און שוין.
ס׳איז ניט גוט, נאָר אוודאי ניט שלעכט.

אין דער דריטער פּערזאָן איז די וועלט ניט פֿאַראַן.
ס׳איז אַ מעשׂה פֿון מיר און פֿון דיר.

ירושלים, תּענית־אסתּר תּשע״ט

# כאַדיס פֿון אַבו־כודיידאַ

וועדליק זיי האָב איך גאָרנישט,
כ׳האָב קיין רעכט אויף קיין זאַך אין דער וועלט,
חוץ דעם בוים פֿון אַ מאָדנעם כאַדיס,
אַ גהאַרכאַד.
קיינער קאָן ניט באַשטימען,
ווי דערקענען איך זאָל אָט דעם יידישן בוים.
אפֿשר איז דאָס אַ מין פֿון דערעזע
צי אַ מין עקאַליפּט. קיינער ווייסט.
ס׳מאַכט ניט אויס.
אין דער צײַט פֿון דער ענדלעכער שלאַכט
וועל איך האַלטן זיך פֿעסט ביזן סוף,
ווײַל מײַן פּלייצע פֿאַרטיידיקן וועט
דער גהאַרכאַד.

# די ספֿירה

איינס — דער הימל ווערט צעשפּאָלטן,
צוויי — אַ שטערן טוט אַ פֿאַל.
דרײַ — און אַנדערע אויך וואָלטן
זײַן נשמות אָן אַ גאַל.

פֿיר — דאָס טליִען פֿון דער שקיעה
צינדט אַ שׂרפֿה ווידער אָן.
פֿינף — פֿאַרברענט וועט זײַן די בריאה.
זעקס — עס קרייט אַ רויטער האָן.

זיבן — ס'קומט די רו ווי תּמיד.
אַכט — עס שאַריעט פֿון דאָס נײַ.
נײַן — אַ צדיק שטייט בײַם עמוד
אֵש און פּראָקלאַמירט דעם תּנאי —

צען מיט אֵש פֿאַרקריצטע דבֿרות.
עלעף — דאָס איז שוין צו פֿיל.
שטיל.

כּפֿר־אלדד תשע״ט

# אַ לשנה־טובֿה

איך וועל זיך סטאַרען זײַן אַ גרויסער מאָלאָדעץ
און טאָן נאָר מיצוות, וויפֿל כ׳וועל אוספּייען.
איך בין אַ פּשוטער מקרבֿ־קץ,
וואָס גייט אַליין אַהין, ווּ אַלע גייען.

כ׳האָב ליב די וועלט, וואָס איז געגעבן מיר
כ׳זאָל זי פֿאַרריכטן ביז אַ שטיקל שלמות,
כ׳זאָל יעדן טאָג דערהערן נאָך אַ שיר,
כ׳זאָל געבן נעמען, נאָר ניט שטעלן קליימעס.

עס קומט דאָס אומבאַקאַנטע יאָר תּש״ף,
וואָס וועט מיר עפּעס ברענגען, ווי די אַלע,
וואָס לעבן מיט אַ שטענדיקן באַשאַף
און האָבן ליב דערבײַ ווי חתן־כּלה.

איז זאָל זײַן גוט אין אנדזער שיינער וועלט!
איז זאָל זײַן ווויל, ווי אינעם טאַטנס גאָרטן!
די לעצטע חתימה איז נאָך ניט געשטעלט
אויף די גורלות פֿון כּל־מיני סאָרטן.

כּפֿר־אלדד כ״ט באלול תּשע״ט

***

אויפֿן ראַנד פֿון צוויי וועלטן
דערהייבט זיך אַ שלאָס.
קיינער ווייסט ניט, פֿון וואָסערע וועלטן.
ער איז דראָענדיק־פֿינצטער און שטרענג אָן אַ מאָס,
ווי עס טרעפֿט זיך מיט שלעסער ניט זעלטן.

אין דער וועלט פֿון צוויי ראַנדן
ניטאָ איז קיין ברייט,
נאָר די לענג פֿון אומענדלעכע ראַנדן
און די הייך, וואָס טוט שטײַגן כסדר דערפֿרייט
דורך אַ סעריע פֿון נאָכאַנאַנדן.

ס׳איז די שמאָלקייט דערהויבן
ביז גאָר און גאָר שמאָל
און דעריבער זי האַלט זיך דערהויבן
און דעריבער ס׳איז נייטיק צומאָל אַ בת־קול,
וואָס טוט ברענגען אַ בשׂורה פֿון אויבן.

עכו תש״ף

# EXEGI MONUMENTUM

דאגהט ניט. כאָטש איך בין אַ צעיושטשעטער ווינט,
שטרעב איך תּמיד צו רו און צו פֿרידן.
יאָ, אַכזריותדיק כ׳בין ווי אַן אומשולדיק קינד,
נאָר רחמנות איך האָב אויף די ייִדן.

כ׳לעב אין נצח־ישׂראל און אויך אין דער וואָר,
וואָס באַהעפֿטן זיך ערגעץ אין אויבן,
ווי ס׳באַהעפֿט זיך "מע מעג" מיטן שטרענגן "מע טאָר",
ווי ס׳באַהעפֿט זיך דאָס שעלטן מיט לויבן.

כ׳בין אַזאַ, ווי איך בין; כ׳בין אַזאַ ווי איר זענט.
ס׳איז גאָר פּשוט און גאָר אומפֿאַרשטענדלעך.
כ׳זינג אַ ליד, ווען עס פֿאַלן אומענדלעך די ווענט,
ווען דער זײַן איז אויף גאָרנישט ניט ענלעך.

מײַנע זין וועלן לעבן אָן מיר אין דער וועלט,
ווען מײַן נאָמען וועט ווערן אַ ייִחוס,
און אַ לערע וועט זײַן אויף מײַן נאָמען געשטעלט,
און מײַן נאָמען וועט כּשרן סמיכות.

דאגהט ניט. כ׳בין מיט אײַך סײַ אַצינד סײַ דערנאָך.
איך פֿאַרזיכער אַן ענדלאָזן קיום.
מיר׳ן גובֿר זײַן — גלייבט — סײַ אַ שפּיץ סײַ אַ בראָך
און פֿאַרשטיין ביזן סוף די נבֿיאים.

סאַמאַרע תּש״ף

***

דער בורא פֿלוצעם ווערט אין כּעס,
און ס׳פֿאַלט די האַק אויף קערק פֿון אַלע,
און ס׳ליגט אַ מת אויף יעדער גאַס
ווי אויפֿן שבת־טיש אַ חלה,

און אומגעלומפּערט־אומבאַקוועם
ווערט יעדער טאַט פֿון יעדן איינעם,
און ס׳טוט אין יעדן האַרץ אַ קלעם,
און מע דערפֿילט אַ ווײ אַ ריינעם.

די סאָסנעס שטייען פֿעסט אויף קרייד,
און נאָדלען פֿאַלן אויף די שטיינער,
און ס׳ווערט אַ באָדן צוגעגרייט.
עס זעט ניט קיינער.

כּפֿר־אלדד תש״ף

# אַ גראָדיקע נאַכט

עס פֿאַלט
אויף פֿעלדזן און תּהומען אַ גראָדיקע נאַכט.
עס שלאָפֿט
אינעם חושך קיין וועזן, קיין סימן, קיין אות.
אַ קראַפֿט
האַלט אין וואַרטן געדולדיק. זי וואַכט
כּדי
ניט פֿאַרפֿעלן אַ רוף, וואָס וועט קלינגען אין חצות.

עס וועט
ניט דערהערן דעם רוף דאָס געוויינלעכע זײַן.
ס'איז שטיל
און געמינטלעך. וואָס דאַרף מען דען נאָך?
די קראַפֿט
וועט זיך וואַרפֿן אין אַלוועלט בשתּיקה אַרײַן.
ס'קען זײַן,
אַז אַ נבֿיא דערבײַ וועט דערפֿילן אַ שטאָך.

ס'איז אַלץ,
און קיין המשך אין גיכן וועט זיכער ניט זײַן.
קיין קראַפֿט
וועט ניט בלײַבן. זי איז דאָך אַוועק אינעם תּהום,
וואָס שײַנט
מיטן חושך, פֿאַרשיכּורט ווי ווײַן...
בת־קול
וועט ניט מעלדן: "נס גדול היה שם!"

כּפֿר־אלדד תּש"ף

# דער ערשטער דיבר

איך האָב צו טאָן מיט זיך אַליין.
ס׳איז זייער שווער.
ווער איז דאָ גרויס? ווער איז דאָ קליין?
און ווער איז ווער?

עס דאַכט, ס׳איז פּראָסט. נאָר צו פֿאַרדרייט
אין תּוך איז אַלץ.
וווּ איז אַ טרויער? וווּ — אַ פֿרייד?
וווּ — ברויט? וווּ — זאַלץ?

איך פּרוּוו כאָטש זיך אַליין פֿאַרשטיין
כאָטש ווען־ניט־איז,
זאָל זיַין ביַים ליגן צי ביַים שטיין,
ביַים זאָגן: ״טשי־יז״.

כפר־אלדד תש״ף

# באַכטשיסאַרײַ

פֿאַרלאָזט איז דער פּאַלאַץ, נאָר אָסאָקאָרן
דערהייבן זיך ווי מינאַרעטן שלאַנק
און בעטן בײַ די הויכע הימלען רחמים.
זיי בעטן פֿאַר דער שטאָט און פֿאַר דעם לאַנד
מיט אַלע שטענדיקע און צײַטווײַליקע תּושבֿים.
צי וועט דאָס בעטן העלפֿן, ווייס איך ניט.
דער וועג פֿאַרנעפּלט איז פֿון אַלע צדדים,
און ס׳קען פּאַסירן אומדערוואַרט אַ זבענג.

די יד־חזקה מעג סײַ העלפֿן סײַ באַשטראָפֿן.
איר הילף איז אומפֿאַרמײַדלעך אויך אַ שטראָף.
זי צווינגט פֿאַרלאָזן היימישע פּאַלאַצן,
אַזוי ווי משה, און זי שיקט אַן עמוד־ענן,
וואָס רירט די הימלען, ווי די אָסאָקאָרן.

תש״ף

***

זאָגט איר, אַז די זון וועט אייביק מאַכן קרײַזן אינעם הימל,

ויהי בוקר, ויהי ערבֿ — אָן אַ סוף און אָן אַ המשך.
וואָס קען טאַקע זײַן אַ המשך פֿון דעם אײַנגעשטעלטן סדר?
וואָס קען זײַן אַ סוף, אויב ווײַטער איז ניטאָ קיין שום חידושים?
אײַער טענה איז באַרעכטיקט, אָבער מיר איז שווער צו גלייבן.
איך בין ניט קיין קנאַפּער גלייבער. כ׳גלייב אין גאָט און זײַנע ניסים.
כ׳גלייב אין נעכטן און אין מאָרגן, און אין אפֿשר און אין זיכער,
אָבער גלייבן, אַז באַשטענדיק וועט די דרייעניש זײַן ממשיך,
קען איך ניט, ווײַל ס׳איז מיר לעפּיש אַ פֿאַרגליוווערטקייט פֿון בריאה.
פֿרעגט מיך ניט: "וואָס איז דער תּכלית?" ווייס איך ניט, און כ׳וועל ניט זאָגן.
כ׳וואַרט ווי אַלע אויפֿן אויפֿגאַנג פֿון דעם ליבן מאור־גדול,
נאָר איך בין בכלל ניט זיכער אינעם צוגעזאָגטן אויפֿגאַנג.

כפֿר־אלדד תּש״ף

# סוף אלול

צווישן גלאַטע פּראָסטע ברואים
איז פֿאַראַן אַ פּאָר עילוים,
וואָס אין זיי ווערט שטיל מקוים
גאָטס געבאָט
משׂיג זײַן דעם טעם פֿון לעבן,
תּמיד מיט בטחון שטרעבן
איטלעכן בסתר געבן
קראַפֿט פֿון גאָט.

און אצינד, ווען שופֿרות בלאָזן,
טוט מען תּשובֿה בחיפּזון
צו פֿאַרשטילן דעם ירגזון
פֿונעם האַר,
אלא אָט דאָס פּאָר עילוים
שטופּט כּסדר צו שינויים
דורך אומענדלעכע גילויים
האַרט בײַם שׂער.

כּפֿר־אלדד תּש״ף

# גוט שבת

דער קיום דער גאַנצער איז תּכלית איין טאָג.
קיין צוויי טעג אין תּוך ניט פֿאַראַנען.
צוויי ליניעס גראָדע פֿאַראייניקט אַ ראָג.
אויף אים איז אַ בעטלער געשטאַנען.

געשטאַנען בשתּיקה אַ טאָג נאָך אַ טאָג,
אַ נאַכט נאָך אַ נאַכט וכּדומה
ביז יענער וואָס האָט, האָט געגעבן אַ זאָג,
באַשאַפֿנדיק צײַטן און רוימען.

באַשאַפֿנדיק איין מאָל דעם גאַנצן פּראָצעס
פֿון ויהי און פֿון שבֿ הרוח,
פֿון אייביקן גראָדן און רונדן מעת־לעת,
וואָס דרייט דעם באַהייליקטן לוח.

פֿאַרדרייט און גענומען אַן אורלויב פֿון אונדז
מיר זאָלן געדענקען לקַדשו.
פֿאַר אים ס'איז אַ קונסט, און פֿאַר אונדז ס'איז אַ קונץ,
וואָס בלײַבט אין דעם טאָג אַ קלאָץ־קשיא.

כּפֿר־אלדד תּשפ"א

# זײַ מוחל

דו האָסט אונדז געגעבן דאָס לאַנד,
וואָס שטראָמט סײַ מיט מילך סײַ מיט האָניק,
נאָר טײַער איז אונדז דזשין מיט טאָניק
און בבֿל איז אונדז גוט באַקאַנט.

דו האָסט אונדז געגעבן דעם וועג,
וואָס פֿירט צו אוממעגלעכע הייכן,
נאָר ס׳ווילט זיך אונדז עפּעס דערגרייכן,
כאָטש עפּעס שוין באַלד, און אַן עק.

דו האָסט אונדז געגעבן די שײַן,
וואָס מוז אַלץ באַלויכטן מיט קדושה,
נאָר מיר ווילן טועם זײַן סושי
און טרינקען ניט כשרן ווײַן.

זײַ מוחל. מיר זײַנען נאָר קנעכט,
וואָס בענקען נאָך אַלץ נאָך מצרים,
וואָס פֿאַנגט מיט זײַן פּראַכט חי־וקיים.
מיר זײַנען ניט גוט און נישט שלעכט.

כפר־אלדד תשפ״א

***

*שינוי השם קורע גזר דינו.*
שולחן ערוך

מיר איז נימאס געוואָרן פֿון ייִדיש,
פֿון די מאַכערס, וואָס האָבן עס ליב,
פֿונעם פֿוילן גאָטלאָזיקן קידוש,
וואָס איז ליגנעריש ביטער און טריב.

עבֿרי־טײַטש איז אַ לײַטישער נאָמען.
דורך די שנאָרערס איז ער ניט באַטאַפּט.
מע פֿאַרקויפֿט ניט אין מאַרקן און קראָמען
יענץ, וואָס איז מיט קיין האַנט ניט געכאַפּט.

עבֿרי־טײַטש איז אַ שפּראַך גאָר אַ טויטע
אָן שום קלאָגן און אָן שום געוויין,
אָן שום פֿענער בסתּרדיק־רויטע.
און דערפֿאַר איז עס ליריש און שיין.

כ׳ווער מגולגל אַנטשיידן אין באָווע.
זאָלן שרײַען פֿאַרחידושטע: "סטײַטש!"
איך וויל הימלען אומענדלעכע בלאָווע.
ס׳איז מײַן לשון פֿון איצט עבֿרי־טײַטש.

ירושלים תּשפ״א נר שבֿיעי

***

אָט אַזוי טוט דערוועבן אַן אומזין אַ זין,
ווען דער הימל האַלט כלומרשט בײַם פֿאַלן.
כ'בין לגמרי ניט זיכער אין דעם, וואָס איך בין.
כ'זוך אַן ענטפֿער אין כלערליי קוואַלן.

און חוץ מיר, זײַנען אַלע סטאַביל און באַשטימט
אָדער דאַכטן זיך זײַן אומבאַוועגלעך.
כ'זע, ווי ס'האָט די לבֿנה זיך עטוואָס פֿאַרקרימט.
ס'איז ניט זיכער, נאָר ערגעץ־ווו מעגלעך.

אָנגעשטרענגט יעדן מוסקול, איך קוק אין דער הייך
און איך גרייט זיך צו דעם, וואָס וועט קומען,
ווען דער הימל וועט פֿאַלן פּאַוואָליע און ווייך,
און איך לאַך מיט אַ שמייכל אַ קרומען.

כפֿר־אלדד תשפ"א

# מעשׂה־אָבֿות

הייבט אויף צום הימל אַ דערשראָקענעם געשריי,
און זאָלן שטערן דריבנע ציטערן אין ספֿירות,
און זאָלן קלינגען אויסגעדאַכטע פֿרומע לירעס,
און זאָל דערהויבנקייט זיך שטעלן אין אַ ריי.

ס׳וועט דער געשריי דערגרייכן סאַמע אויבן אָן.
דאָרט וועט מען שאַנעווען די פֿאָדערונג פֿון עמך,
און רעאַגירן וועט דער אייבערשטער בר־סמכא,
און מיר׳ן קריגן אַ מין אַנונג וואָס צו טאָן.

ס׳איז אַ רעצעפּט, וואָס איז געפּרוּווט געווען פֿיל מאָל
אין אַלע דורות, וועלכע שאַפֿן אונדזער ייִחוס.
ער איז באַקרוינט מיט אַלע הכשרים און סמיכות.
ער איז אַ זכות, וואָס איז געוואָרן אַ מין עול.

כפֿר־אלדד תשפ״א

# גלגל־החוזר

עס דרייט זיך באַשיידן
די ענדלאָזע ראָד.
זי פֿירט פֿון גן־עדן
צו גוטס און צו גאָט,
שפּרינגט אונטער אויף שטיינער
און סקריפּעט אַמאָל
מיט אוראַלטע ביינער
אין פֿינצטערן טאָל.
אַלץ ווײַטער און ווײַטער
פֿון בוים און פֿון שלאַנג,
אַלץ גיכער, פֿאַרשײַטער
מיט אימפּעט און דראַנג,
נאָר טאַקע באַשיידן,
מיט טאָלק און פֿאַרשטאַנד,
אָן איבעריק ריידן,
באַשטימט און באַקאַנט.
דער הימל קוקט בלאָוו
אויף דעם דריי דעם געיעג.
עס האָט ניט קיין סוף
נישט די ראָד, ניט דער וועג.

כפֿר־אלדד תשפ״א

# ערבֿ ראָש־חודש

ראָש־חודש איז אַ שטאַפּל צו אַ שוועל,
וואָס צווינגט פֿאַרטראַכטן זיך בײַם גיין כאָטש אויף אַ ווײַלע
און פֿרעגן עמעצן אַן צוגאָבלעכע שאלה,
בשעת די תּשובֿה קלאָר איז, ווי דער טאָג איז העל.

דאָס פֿרעגן שטעלן וועט די אַלוועלט אויפֿן קאָפּ,
אַזוי וועט שטיין זי בשום־אופֿן לאַנג ניט קענען,
און ס׳וועט פֿאַרשטענדלעך דעמאָלט ווערן, אַז מיר זענען
געווען ניט איידל און אפֿילו זייער גראָב.

און הלל זאָגן איז אין תּוך אַ גוטע זאַך.
ס׳וועט ניט פֿאַרשאַטן פֿאַר געזונט און פֿאַר שלום־בית.
איך טענה דאָס מיט מײַן און מיט אחריות
און ניט כּדי לײַכטזיניק פּשוט טאָן אַ לאַך.

איז הייבט זיך, ברידער, אויף צוריק מעפֿר דל,
אַזוי, ווי בצאת ישׂראל ממצרים.
עס קען ניט זײַן, אַז לא יִראו עיניים
קיין חילוק צווישן הויכן באַרג און טאָל.

כּפֿר־אלדד תּשפ״א

***

ברענען בערעזעס, ברענען אָסינעס,
טאָפּאָלן, יאָדלעס, דעמבן, ראַבינעס,
צעדערן, איוועס, אַשביימער, קליאָנען,
סאָסנעס און עפּעס, וואָס מ׳טאָר ניט דערמאָנען.

קאָכט מען און באַקט מען און ס׳וועט שוין אין גיכן
גרייט זײַן אַ סעודה, ווו ס׳בעסער ניט קריכן.
ווער וועט דאָרט זיצן אויף אויבן אָן?
זיכער — ניט טאָפּאָל, זיכער — ניט קליאָן.

שפּרייט זיך אַ ריח פֿון רויך און פֿון בשׂר.
מיט אַ שׂאַטירונג פֿון אוראַלטן אָסור.
פֿונקען דערהייבן זיך פֿריילעך און בייז,
זײַנען מנקד מײַן אלף־בית.

כפֿר־אלדד תשפ״א

# בהמון גליו

וואַרטן אויף וועטער בײַם ים.
ציילן די כוואַליעס, וואָס לויפֿן,
אָנקלײַבן שטיינדלעך אַ הויפֿן,
גלייבן אין ניסים, הגם

ס'הערט זיך אַ דונערן שוין,
רגעס צעדרויבלען זיך שטויביק,
ס'ווערט די אמונה אומגלויביק
אונטערן פּליעסק פֿון המון.

תּל־אָבֿיבֿ תשפ"א

# סאַמע סוף אלול

בײַם שׂער
דאָס גאַנצע לעבן שטיין בײַם טויער
הגם ס׳איז ניט פֿאַראַן קיין מויער
בײַם האַר

בײַם שער
דאָס גאַנצע לעבן און בײַם נאָדל
הגם מע איז אַ כהן־גדול
צי מער

אַ בלאַט
זאָגט גאָרנישט צו נאָר גיט אַ ברירה
צווישן אַ חטא און אַן עבֿירה
גאַנץ גלאַט

מע גלעט
דעם שער־בלאַט מיט אַ מילדער תּפֿילה
מע איז מקדש פֿרום די הילע
מע פּלעט

כּפֿר־אלדד תּשפ״א

# וואַלד

ס׳וועט וואַקסן אַ וואַלד צווישן שטערן אין רוים,
פֿאַרשאָטנדיק ווײַטע פֿאַרסעקן.
ר׳וועט וואַקסן אומענדלעך, אַ בוים נאָך אַ בוים
אָן גרענעצן, ראַנדן און עקן.

עס בויערן וואָרצלען שוין תּהומען אָן דנאָ,
דערגרייכנדיק קאָסמישע טיפֿן,
און שאַפֿן אַ ריזיק פֿילפֿאַרביק פֿאַנאָ
מיט זאַפֿטן, וואָס האַלטן אין טריפֿן.

מע הערט ניט קיין בלעטער־שאָרך טאַקע דערווײַל.
ס׳איז קלאַנגלאָז אין פּוסטקייט לעת־עתּה.
עס שטאַרצט נאָר איין שטאַם אָן אַ צווײַג ווי אַ זײַל
אין מיטן נעבולעס קודלאַטע.

נאָר ס׳זײַנען פֿאַרזייט שוין די זוימען פֿון וואַלד.
זיי וועלן אָן צווייפֿל דאָך שפּראָצן
אין תּקופֿות אַרום אָדער אָט־אָט־אָ באַלד
לויט אַלעמענס מעכטיקן רצון.

כפֿר־אלדד תּשפ״א



# היימלאַנד

***

ווּ איז ער, דער לעצטער לעמפּערט,
וועלכער בלאָנדזשעט דאָ אַרום?
— קיינער האָט מיר ניט געענטפֿערט,
דער אַרום בלײַבט טויב און שטום.

אָבער ערגעץ הינטער סקעליעס
בלי־ספֿק לאָקערט ער.
אונטער שטראַלנדיקע סטעליעס
אים באַמערקן איז גאָר שווער.

זײַן קאָליר איז זאַמד מיט שטיינער
קוים באַשאָטענע מיט שטויב.
ער איז איצט אַזאַ מין איינער.
אַלץ אַרום איז נאָר זײַן רויב.

ווּ איז ער אין אָט דער רגע?
אפֿשר ממש לעבן מיר?

ירושלים תשע"ט

***

ס'איז דעמערונג אומענדלעך קורץ
אין אונדזער לאַנד, וואָס איז קאָנטראַסטיש
דער גאַנצער וועלט פֿון שקיעה־שײַן.
אַ דינער ריח פֿון זשאַסמין,
אַ ריח פֿון לימאָנען־בליִונג,

אַ ווינטל־בלאָז — און דאָס איז אַלץ.
די נאַכט פֿאַרביטן האָט דעם טאָג.

די שײַן איז יום, דער חושך — לילה.
ס'איז אָפּגעטיילט בײַ אונדז די שײַן
פֿון חושך פֿונעם בראשית־טאָג.

כּפֿר־אלדד תש"ף

# חול־המועד

אַזאַ מין שיינער, זינגעגנדיקער פֿרילינג
איז ניט געווען, מסתּמא, טויזנט יאָר,
און איך בין גליקלעך, שטעלט זיך טאַקע פֿאָר,
און כ׳זינג אַ זמרל כּסדר שטילינק.

עס פֿאַלט אום פּסח אויף דער ערד אַ רעגן,
און ס׳בליט ׳זוי זאַפֿטיק אונדזער הייליק לאַנד,
דאָס גאַנצע לאַנד ביז סאַמע ווײַטן ראַנד,
וווּהין דערווײַל פֿאַרשלאָסן זײַנען וועגן.

מײַן פֿײַגנבוים און אויכעט מײַן ווײַנגאָרטן
צעגיסן ברייט אַזאַ געמיטלעכקייט אַרום.
עס שאָקלען זיך מילגרוימען דינע פֿרום.
עס שמעקט זשאַסמין ׳זוי דופֿטיק ערגעץ דאָרטן.

מע ציילט דעם עומר אונטערוועגנס צו הר־סיני.
דער מידבר פֿירט ווי תּמיד צו דעם באַרג.
און איך בין שטאַרק. כ׳בין אומגעהויער שטאַרק.
אַקעגן קליינע צרות פֿון כּל־מיני.

כּפֿר־אלדד תּש״ף

# אָנהייב אָבֿ

עס לויערט די צעגליטע שווערד פֿון זומער
כּסדר, אומעטום, אָן שום רחמנות.
זײַן שטאָך נעמט צו דאָס רעשטל שׂכל גלײַך.
עס ווערט צעשמעלצט ווי גינגאָלד אין אַ טיגל.
דער זומער קומט נאָך פֿרילינגדיקע זינד,
און ס'איז אוממעגלעך פֿון זײַן שטראָף אַנטלויפֿן
אין מיטן וועג צום סאַמע הויכן שפּיץ.
עס בלײַבט נאָר ליגן אונטער באַרנביימער
און וואַרטן ביז עס פֿאַלן וועט אַ באַר
און טאָן אַ קלאַפּ אינעם צעווייכטן קאָפּ
זאָלסט עפּעס קאָנען אין דער וועלט פֿאַרשטיין.
עס פּאַסט פֿאַר דעם אוודאי אויך אַן עפּל,
נאָר איצט איז ניט קיין פּאַסיקער סעזאָן,
לכל־הפּחות דאָ, אין אונדזער לאַנד.

קדמת־צבֿי תש״ף

# עכו

*אהבּתכם על לוח לבּי כּתובֿה בעט ברזל*
**רמח״ל**

ביזן ים איז זייער נאָענט,
ביזן הימל — זייער ווײַט.
ס׳האָט אַ גאָון דאָ געגאָונט
און געלעבט מיט אַ באַטײַט,

און געשריבן וועגן ליבע
אויפֿן האַרץ מיט פּען פֿון שטאָל,
און געשטאָרבן מיט אַ חיבה
צו דעם שווערן מיצוות־עול.

כ׳זיץ בײַם ים אונטער דעם הימל
און איך פֿיל, אַז כ׳בין אַ נאַר.
אין מײַן קאָפּ — אַ מין געווימל,
אין מײַן האַרץ — אַ שטיקל צער.

ס׳איז די פּען פֿון שטאָל צו וואָגיק
און דאָס האַרץ — מיט לײַכטזין פֿול.
דאָס איז אייגנטלעך די לאָגיק,
וועלכע פֿירט מיך צו אַ נול.

*תּש״ף*

***

דורכדרינגנדיק־געלע בלעטלעך פֿון אַ מילגרוים־קוסט בײַם צאַם
רופֿן זיך דערמאָנען אינעם סנה, אין חנוכּה, אין שבת.
אַ רויִקער פֿלאַם, וואָס פֿאַרברענט ניט, נאָר גיט אַ בטחון
צוזאַמען מיט אַ העלער קילער דערהויבונג.
אײַל זיך ניט. די צײַט לויפֿט און שטייט אויף איר אָרט,
און חוץ איר אָרט, זײַנען קיין אַנדערע ערטער ניטאָ.
דערווײַל.
געלע פֿונקען פֿון געפֿאַלענע בלעטלעך
טליִען אויף גראָוון בעטאָן, אויף גראָוון אספֿאַלט,
אויף גראָוון קיום.
זיי באַשײַנען דעם קיום און לעשן זיך אויס.
עת לכל דבֿר.

כּפֿר־אלדד תּשפ״א נר ראשון

***

אַ בליץ וועט אויפֿלויכטן פֿינצטערע רוימען,
און שטיל וועט זײַן אויף אַ רגע צי צוויי.
דאָס איז די צײַט פֿאַר צויבער און טרוימען
אָן קיין שום זאָרג, אָן שרעק און אָן וויי.

ס'וועט אומפֿאַרמײַדלעך אַ דונער זיך יאַוועו.
נאָר ס'וועט זײַן שפּעטער, אין אין־סוף אַרום.
ס'איז ניט כּדאי צו שטאַמלען און האַוועו
און ניט מקבל זײַן אייביקייט פֿרום.

כּפֿר־אלדד תשפ״א

# ערבֿ אָדר

בעת וואַסערפֿאַל צעאַקערט אַ קאַניאָן
אין מיטן מידבר טעמפּ אין שבֿט צי אָדר,
איז הייליקייט אויף סאַמע אויבן אָן,
אין סאַמע צענטער און אין סאַמע יאָדער.

און שטיינער טוען פֿאַלן אין אַ תּהום
און קײַקלען זיך ווי ביינער בעת אַ תּחיה,
מבֿשׂרדיק ״נס גדול היה שם“
און רײַסנדיק פֿאָרמעל אַ שטיקל קריעה.

דאָס וואַסער טוט אַנטלויפֿן איינס און צוויי,
נאָר בלומען טוען וועגן דעם דערמאָנען
און זיי פֿאַרשאַפֿן אומפֿאַרמײַדלעך ווײ,
ווײַל זייער בליִונג טוט כּסדר מאָנען

נאָך וואַסער אָדער נאָך אַ ביסל בלוט
אויף דעם מזבח נאָר פֿון ווילדע שטיינער.
און דאָס וועט צוגעבן אַ חיות און אַ מוט
די טרוקענע זיך קײַקלענדיקע ביינער.

כּפֿר־אלדד תּשפ״א

***

פֿײַער־צונגען דערהייבן זיך פֿון אַש און לעקן אונדזערע שפּורן
און מיר טאַנצן טאַנצן שער האָפּקע פֿריילעכס
טאַנצן מיר טוסטעפּ פֿאָקסטראָט טשאַרלזטאָן
טאַנצן מיר טוויסט שייק
טאַנצן מיר ברייקדאַנס טראַנס
טאַנצן מיר בעת אַש דרייט זיך אַרום אין וואַלס
פֿײַער־צונגען דערהייבן זיך פֿון אַש און לעקן אונדזערע שפּורן
מיר טאַנצן

כּפֿר־אלדד תשפ״א

# יום־ירושלים

ס'וועט נעמען אַ צײַט
ביז אַלע סטאַטיסטן פֿאַרלאָזן די בינע פֿאַרייִאושטע וועלן.
אַניט וועט דער זיג ניט דערפֿרייען דאָס פֿרידלעכע פֿאָלק.
דער זיג איז אַ נס
פֿון האַרטן געדולד און פֿון שיינע פֿאַרווירקלעכטע טרוימען.
מיר וועלן אים זען
אומפֿאַרמײַדלעך אין אין־סוף אַרום.
איז העכער די פֿענער!
איז בלויער דער הימל זאָל זײַן!
איז זאָלן די גאַסן אין טאַנץ
אַנטשיידן און בילדעריש גיין!
די ווײַסע לבֿנה באַזילבערט דאָס זודיקע בלוט.
ס'וועט נעמען אַ צײַט.
ניט געפֿערלעך. מיר האָבן געדולד.

כפֿר־אלדד תשפ"א

***

*הנה אנחנו בָאים באָרץ...*
**יהושע ב׳ י״ח**

חוץ־לאָרץ אין תּוך איז דער ים,
וואָס איז ריזיק, געפֿערלעך און שווימיק,
וואָס איז גלענצנד און פֿאַלש ווי אַ גימיק.
ס׳איז אַ מטעם מיט ביטערן טעם.

און דאָס לאַנד איז ניט מער ווי אַ פּליט
אויף דער פֿלאַך פֿון אַ ברעגלאָזער מיקווה
מיט אַ פֿענדל הַשָׁנִי פֿון תּקווה,
וועלכע פֿיבערט און פֿלאַטערט און פֿליט.

הערצליע תּשפּ״א

***

שטיינער, וואָס בוימײַסטער האָבן פֿאַראַכט,
קלײַבן זיך אָן אויף מײַן האַרצן.
ווי הורדוס אויפֿבויען וועל איך פֿון זיי אַ וואַנט,
וואָס וועט שטיצן מיט שווערקייט די קדושה.



# צווישן דעם ירדן און
# דער בירע

# מיצווה גוררת מיצווה

*צו יעלענע סאַראַשעווסקאַיאַ*

די איינציקע, וואָס רעדט, ווו אַלע שווײַגן,
און צווינגט כאָטש עפּעס זאָגן וועגן־ניט־איז,
און טוט ניט בונטעווען באַשיידן פֿון און ביז
און איז ניט מסכּים אומבאַמערקלעך לייַגן,

ס׳איז אומעטיק באַשטענדיק זײַן גערעכט,
כּסדר וויסן, אַז ס׳איז ניט פֿאַראַן קיין ברירה,
ווײַל אויב ניט מיצווה, איז דאָך — אַן עבֿרה
און אויב ניט גוט, איז אומפֿאַרמײַדלעך שלעכט.

עס קאָכט זיך פֿויל דאָס לעבן אויף די גאַסן.
אויף סאָפּקעס ליגט דער הימל ווי אַ דעק.
די קאָכעניש דערווערבן מוז אַ צוועק,
מוז עפּעס האָבן ליב, מוז עפּעס האַסן.

די נאָענטקייט בלײַבט ערגעץ אין דער ווײַט,
אין אומדערטריטלעכע און ניט־דערטראַכטע ספֿירות,
אויף יענעם וווּנדער־שיינעם ברעג דער בירעס,
אויף דעם סמבטיונס יענער וווּנדער־זײַט.

בּיראָבידזשאַן תּשע״ט

# נאָך רבי נחמן

שטענדיק, ווו כ׳זאָל ניט גיין, גיי איך אין ארץ־ישׂראל.
קיין אַנדערע ציל אין דער וועלט איז פֿאַר מיר ניט פֿאַראַן.
בלויז צוליב איר איך שאַף, בלויז צוליב איר איך פּועל,
נאָר עפּעס פֿון מיר פֿאַרבלײַבט ווײַט אין ביראָבידזשאַן.

ריזיק איז די דיסטאַנץ פֿון בײַ־אַמורער בלאָטעס
ביז הייסע און הייליקע שטעט, וואָס שמען אַרום און אַרום,
נאָר איך זוך אַ ניצוץ אַ פֿונק אָן קוואָטעס און אָן חרטות
און שטענדיק, ווו כ׳זאָל ניט גיין, געדענק איך, פֿונוואַנען איך קום.

מאָסקווע – נתב״ג תשע״ט

# אַ רעגנבויגן אויפֿן ווײַסן פֿעלד

וואָס בלײַבט נאָך? — אַן אַנטוישטער טרוים
און ניט פֿאַרווירקלעכטע כּוונות,
דאָס קאַטעוועס אָן שום רחמנות
און אויך דאָס פֿרייען זיך קוים־קוים,
און קבֿרים אין דער טײַגע־ערד
אָן מגן־דודס און פּה־נִטמן.
נאָר עפּעס היט מען, עפּעס היט מען.
און אויך דאָס עפּעס האָט אַ ווערט.

ירושלים תּשע"ט

# בײַ מאַנדעלשטאַמס הויז

געמיטלעך זיצט מען אין דער פֿרעמד אָן שום געדאַנקען
און מ׳זעט דאָס לעבן, וועלכע אַרט אין גאַנצן ניט,
ווו גאָרנישט קוועטשט, ווו גאָרנישט ברענט, ווו גאָרנישט בריט
און ווו מע דאַרף פֿאַר גאָרנישט ניט באַדאַנקען.

אַ פֿולער מאָגן און דערבײַ אַ פֿוסטער קאָפּ,
דאָס איז בפֿירוש אַן אומגלייבלעכע מחיה,
נאָר דאָס קען זײַן אויך מיט די בעסטע והאָ־ראיה:
צומאָל איז אָנגענעם דערזען דעם צייכן Stop.

אין קיין שום מאָסקווע און קיין וואַרשע און קיין פּיטער
וועט קיין שום באַן דערווײַל ניט ברענגען. נו, איז גוט.
איז זיצט מען רויִק אין אַ פּעלצל און אַ הוט
אַנטשפּרעכיק דעם אַרומיקן געוויטער.

וואָראָניעזש תשע״ט

# נאָך אָשר שוואַרצמאַנען

אין אַ קרעטשמע אונטער איוועס
ביי אַ שליאַך אין מיטן פֿעלד
פֿילט מען פּלוצעם אַזאַ חשיבֿות,
גלייַך ווי מע באַשאַפֿט אַ וועלט.

בעת דערהויבענע גדאַנקען
און מליצותפֿולע רייד
טוען איבער טישן צאַנקען,
ברענט אין הערצער אַ מין פֿרייד.

ווּו איז ער, דער שליאַך דער אַלטער
מיט דער קרעטשמע, מיט דעם פֿעלד?
— ס'פֿעלט!

פּערם תשע״ט

# סיביר

מע לעבט אפֿילו דאָ און גאָר ניט שלעכט,
אויב מ׳האָט אַ טעם צום אינערלעכן לעבן
און אויב מע פֿאָדערט ניט קיין מענטשן־רעכט,
און אויב מע ווייסט, וווהין ס׳איז ווערט צו שטרעבן.

דער וואַלד איז גרין, דער הימל — בלוילעך־בלויז,
עס שטראָמען קאַלטע וואַסערן צום צפֿון.
עס שטעקט אין מיטן גאָרנישט ס׳ערשטע הויז,
וואָס האָט אַהין צוליב אַ ליד געטראָפֿן.

עס וועט זײַן גוט. ס׳וועט קומען נאָך די שעה,
וואָס ס׳האָט דער דיכטער צוגעזאָגט די דורות.
מע לעבט און גאָר ניט שלעכט אפֿילו דאָ,
אין אָט דעם סקלאַד פֿון טרוימען און פֿון סחורות.

קראַסנאָיאַרסק תשע״ט

# אַ פּענדזל

פּענזע איז אַ נישקשהדיקע שטאָט,
ממש אַן עיר־ואם.
זי איז אַ סך סאָלידער פֿון ביראָבידזשאַן,
כאָטש אוודאי ניט ירושלים
און אפֿילו, להבֿדיל, ניט מאָסקווע.

פּענזע איז אַ מין פּענדזל,
וואָס מאָלט אַ פּאָרטרעט
פֿון עמך ישׂראל.

אויך דאָ לעבן ייִדן.
זיי פֿאָרן אַוועק אָדער בלײַבן.
זיי בלײַבן ייִדן אָדער גייען אַוועק
און דערנאָך באַמיִען זיך קומען צוריק.
ואין כל־חדש תּחת השמש.
ווידער — גלגל־החוזר.

תּש״ף

# כולנו מבֿינים

די העלפֿאַנדן, וואָס האַלטן פֿעסט דעם ערד־דיסק,
באַדאַרפֿן ווען־ניט־איז אַ שטיקל אָפּרו.
דאַן ווערט דער שווערער דיסק אַ פֿליִענדיקער ערדקויל.
ער פֿליט אין קאָסמאָס, ווי געלערנטע הייסן.
ער פֿאָלגט זיי ווי אַ קינד - זײַן שטרענגער מוטער.

אַ דריי און נאָך אַ דריי און נאָך אַ דריי —
ביז ס'וועלן אָפּרוען די שטאַרקע רוקנס
פֿון יענע העלפֿאַנדן אין מיטן גוילע גאָרנישט.
דאַן ווערט דער ערדקויל פֿלאַך ווי אין אַ מעשׂה,
כאָטש מיר באַמערקן ניט און טוען גלייבן,
אַז די געלערנטע, זענענדיק מבֿינים,
פֿאַרמאָגן, דאַנקען גאָט, אַן עקסקלוזיוו
אויף וויסן, ווי מע דאַרף מקיים זײַן
די ווונדערלעכע וועלט.

ביראָבידזשאַן תש״ף

# וולאַדיוואָסטאָק — ביראָבידזשאַן

איך בין דאָ ניט געוואַקסן.
כ'האָב פֿאַרבראַכט דאָ געציילטע מאָנאַטן.
נאָר דער מאַמעס דערציילן
בינדט מיך צו צו דעם פֿרעמדלעכן קאַנט.
אומגעבראַכט דאָ דעם דיכטער
האָבן ווילדע גלײַכגילטיקע קאַטן,
און דערפֿאַר דער אַרום
איז מיר ממש ביז ווייטיק באַקאַנט.

ערגעץ לויערן טיגערס
אין אָ־דער ניט דערהאַקטער נאָך טײַגע.
זי וועט אויסוואַקסן ווידער,
כאָטש פֿאָרט וועט עס נעמען אַ צײַט.
דאָס איז גרויליק און גורלדיק,
אָבער ס'איז שוין פֿון לאַנג ניט מײַן דאגה,
ווײַל איך ווין און איך לעב
און איך האָב מײַנע דאגות גאָר ווײַט.

צעדערביימער פֿון דאָ
זײַנען ניט צעדערביימער פֿון דאָרטן,
ניט קיין אַרזי־הלבֿנון,
אָבער פֿאָרט ניט קיין יאָדלעס, ס'איז קלאָר.
און זיי זײַנען געוואַקסן
אַמאָל בײַ מײַן מאַמען אין גאָרטן
אין דעם פֿרעמדלעכן קאַנט,
וואָס געפֿינט זיך בײַם סאַמע קאַיאָר.

כסלו תש"ף

# האור־הגנוז

דורכזיכטיקע פֿיגורן בלישטשען קאַלט
מיט שפּליטערס זון אויף גאָר ניט צו פֿאַרניכטן.
די שײַן איז יונג און זייער־זייער אַלט.

מע קען געפֿינען זי אין אַלע קיום־שיכטן —

פֿון ויהי אור — ביז חשכות פונעם טויט,

פֿון פֿײַערן — ביז זײַן זיך טעמפּ מייאש.
ס'װעט װערן בלוי־און־װײַס יענץ, װאָס איז רויט,
און פֿון אַ קעצל װעט װערן אַ לַיִש.

ביראָבידזשאַן ערבֿ חנוכּה תּש״ף

# קאָוואַדלע

פּראָסטיקע טעג, פּראָסטיקע נעכט.
קיינער איז שולדיק און קיינער — גערעכט.
שטעכיקע שטערן באַקוקן דעם וואַלד.
ס׳קלינגט אין דער לופֿטן: ״ראַטעוועט! גוואַלד!״

פֿליִען סאָלידע אָקסן און קי.
שלאָפֿנדיק מאַכן בערעלעך סקי,
לויפֿן אויף ליזשעס איבערן שניי
גלײַך אינעם אין־סוף פּנוי מְנֵיה.

איזבעס מיט דעכער געבראָכענע פּראָסט
פֿרעסט פֿון אינ׳ווייניק אַ שטענדיקער פֿראָסט.
ס׳ברענען נאָר שנייען מיט זילבערנער שײַן.
קיין שום מחשבֿה האַלט זיך ניט אײַן.

פּלויטן פֿאַרצוימען אַ גאָרנישט מיט נישט.
איבער אַ קוימען איבערגעמישט
זײַנען סײַ דאַמף און סײַ רויך און סײַ לופֿט.
שפּרייט זיך געמיטלעך אַ וואַרעמער דופֿט.

ווו איז אַ גרענעץ, ווו איז אַ ראַנד
צווישן וואַנזיניקייט און אַ פֿאַרשטאַנד?
סאָפּקעס פֿאָרמירן אַ מין האָריזאָנט.
ווער האָט אַזעלכעס באַשאַפֿן געקאָנט?

סקוטשנע בערעזעס שטייען אין פֿרונט.
בילט ערגעץ ווײַט אַ צעיושטשעטער הונט.
ווער האָט צעבייזערט דעם הונט, ווייס איך ניט.
אפֿשר — אַ קאָוואַל, אפֿשר — אַ שמיד.

ער שמידט אַ תּירוץ צו זײַן און ניט זײַן
סײַ מיט אַ תּענוג סײַ מיט אַ פּײַן.
אַלץ איז ניט צופֿעליק אונטער דער זון,
אָבער וואָס האָט איר לעת־עתּה דערפֿון?

פּוכיקע שנייען פֿאַרבעטן צום שלאָף.
אָבער איך שלאָף ניט לעת־עתּה. איך האָף,
אַז פֿונעם עטער וועט ווערן אַ נס,
ווײַל אָן אַ װוּנדער בין איך ווי א מת.

מ׳זאָגט, אַ נס־גדול געווען דאָ אַמאָל,
אַ מין פֿאַרקערפּערונג פֿון אַ בת־קול.
פֿראָסטיקע טעג, פֿראָסטיקע נעכט.
קיינער איז שולדיק און קיינער גערעכט.

סמידאָוויטש — ביראָבידזשאַן תּש״ף נר שלישי

***

די פּלאַנעטע איז גרויס,
און דער וועג פֿון אַ ראַנד צו אַ ראַנד
איז אַזוי אומגעהויער,
אַז צופֿוס איז אומעגלעך דערגיין.
און עס שטערט דער התלהבֿות
אָט דער ניכטערער נודנער פֿאַרשטאַנד
בעת עס זינגט שיר־השירים
כּקדם: "מײַן טײַבל, ביסט שיין".

דאָרט, ווו איך בין געווען,
ווערסטו זײַן נאָר אין שעהן אַרום.
און דער דריי פֿונעם ערדקויל
וועט ניט העלפֿן צו קירצן דעם ריס.
גובֿר זײַן אָט דעם רוים
וועט ניט קענען דער וועלטישער רום,
נאָר דער הירש וועט דעם תּהום
איבערשפּרינגען אויך איצט אויף געוויס.

כּפֿר־אלדד תּש"ף

# אהבֿת־חינם

ס׳איז דער הימל פֿול מיט דיכטונג,
מיט חלומות און מיט שײַן.
פֿליִען זיי אין יעדער ריכטונג,
מערסטנס – אין דער וועלט אַרײַן.

בײַ דער שטורעמדיקער בירע,
אויפֿן הייסן ירדן־ברעג
טוט זיך נעסטן הויכע שירה
וועגן ליבע אָן אַ צוועק.

אין אַ ווײַטן קאַנט אַ גרינעם,
אויפֿן זאַמד און אויפֿן ים
טוט זיך וואָרצלען אַהבֿת־חינם
פֿון אַ לייב און פֿון אַ לאַם.

דורך די צײַטן און די רוימען
צו אַן אין־סוף פֿון אַ סוף
פֿליִען אומבאַצוימטע טרוימען
סתּם בעלמא על־פּי־רובֿ.

נאָענט זײַנען אַלע װײַטן.
דער בטחון גיט אַ קראַפֿט.
קוקט זיך אום אין אַלע זײַטן
סײַ פֿאַרחידושט סײַ פֿאַרגאַפֿט.

זײַט זיך קײנמאָל ניט מײאש.
ס׳האָט דער בורא "ויהי אור"
אונדז געזאָגט. איז ברומט ניט חײיִש.
זײַנען מיר בני־אָדם גאָר.

קוקט װאָס עפּטער אין די הײכן.
פֿילט דעם עונג פֿונעם זײַן.
מיר׳ן יעדן צװעק דערגײכן
פּשוט אין דער װעלט אַרײַן.

ירושלים תש״ף

***

כ׳האָב געזען, ווי די זון גייט אַראָפּ פֿון די הייכן
אין דער טיף פֿון אַ נאַכט, צו אַ גאָרנישט מיט נישט,
צום צערינען זיך שטיל אין אַן אומזיי̅ן אַ ווייכן.
כ׳האָב געזען, ווי איר שפּור ווערט פֿון בלאָוו אָפּגעווישט.

כ׳בין געבליבן אַליין אין אַ חושך אַ העלן
צווישן הימל און ערד, צווישן זען און ניט זען.
ס׳האָט דער אויבן געקרעלט מיט אומצאָליקע קרעלן
אויף די רחבֿותן פֿונעם ניט־ווו און ניט־ווען.

ס׳האָט געדויערט אַ רגע צי עטלעכע רגעס
צי בכלל ניט געדויערט. ס׳איז שווער צו פֿאַרשטיין
אין דעם אומזיי̅ן דעם ווייכן אָן צייכנס און ברעגעס,
וואָס איז פֿול מיט אַן אייביקער רו און מיט חן.



# אינעם חחום

# ווײַסרוסלאַנד

איך גיי און גיי איבערן ווײַסן שניי
און כ׳טרעף געשפּענסטן בלויז אַ לאַנגע ריי,

און איך פֿאַרשטיי, אַז ווײַטער, הינטער זיי —
אַזויפֿיל ווײ, אַזויפֿיל ווילדער ווײ.

אַ יעדער שפּור ווערט תּיכּף פֿול מיט בלוט.
צו שפּאַנען ווײַטער מוז מען האָבן מוט.

און דאָס איז גוט, דאָס איז בפֿירוש גוט —
דאָס בלוט איז ריין, דאָס בלוט איז ניט קיין ברוד.

ביסט רויט אויף ווײַס, פֿאַרשנייטע בעלאַרוס.
געשפּענסטן־רייען רעדן אין דײַן זכות.
ביסט אַ מין כּיליון פֿונעם ספֿר רות
און אויכעט מרדכי אויפֿן מלכּס סוס.

און וואָס וועט זײַן, וועט אומפֿאַרמײַדלעך זײַן
פֿײַן.

מינסק ערבֿ חנוכּה תּשע״ט

# אַקמעסדזשיט

עס גייט אַ גרויער רעגן אין דער פֿרעמדער שטאָט,
וואָס פֿרעמד איז אַלעמען, בתוכם — אירע תּושבֿים.
איך בין ניטאָ, איז זאָג איך ניט "ברוכים היושבֿים!",
נאָר זאָל באַהיטן אונדז פֿון צרות אונדזער גאָט.

ווײַל ס'איז ניטאָ קיין אָרט, ווו גאָט איז ניט פֿאַראַן,
און שליחי־מיצווה ווערן אָפּגעהיט באַזונדער.
כ'פֿאַרלאָז זיך ניט אוודאי נאַריש אויף אַ וווּנדער.
נאָר ס'האָט אַ וווּנדער מיך געפֿירט געטרײַ ביז דאַן.

דער גרויער רעגן וועט דערווערבן אַ קאָליר,
אפֿילו צוויי קאָלירן, פֿריִער אָדער שפּעטער,
ס'איז דאָס געפֿיל צעגאָסן פֿריילעך אין דעם עטער,
און ס'איז ניט וויכטיק, וואָס וועט זײַן אַצינד מיט מיר.

איך קער זי אום אין אונדזער וועלט, די פֿרעמדע שטאָט,
וואָס איז געווען אַמאָל מיר נאָענט און געמיטלעך.
זי וועט זיך אומקערן צוריק מיט שטילע טריטלעך.
נאָר זאָל איר העלפֿן באַרעמהאַרציק אונדזער גאָט.

אייר תּשע"ט

# רײַסן

ס׳איז ניט צו זען דורך נעפּל־שיכט קיין הימל.
ס׳איז קוים צו זען די האַרבסטיק־וואָגלע ערד.
מע פֿלעגט די פֿעלדער אַקערן אויף פֿערד
און נאָכדעם באַקן קאָרן־ברויט מיט קימל.

בערעזעס, סאָסנעס, דעמבן — גרין און געל.
אַ שטילער טײַך — אַ גרויער קילער שפּיגל.
אַזוי פֿיל דיכטער האָבן דאָ געוווינט אין וויגל,
אויף אָט דער נעפּלדיקער שאַפֿונגס־שוועל.

תשרי תש״ף

***

קראָען איבער דער אָזערע
זײַנען אויף מעוועס ניט ענלעך.
זיי דרייען זיך דאַרע און שוואַרצע
אויף הינטערפֿאָן פֿון פּאַסטאָראַל,
ווו אַלץ איז געמיטלעך אַזוי
ווו גאָרנישט טוט לעפּיש ניט שטאַרצן,
ווו רירעוודיק־סקוטשנע נאָרמאַלקייט
הערשט אומבאַצוימט איבעראַל.

ס׳איז אַלץ אומבאַוועגלעך. די קראָען
זײַנען דער איינציקער סימן,
אַז עפּעס באַוועגט זיך און בײַט זיך
אין אָט דער נאָרמאַלקייט צומאָל.
זיי דרייען זיך איבער דער אָזערע
און שרײַען מיט איידעלע שטימען,
וואָס הערן זיך אין וואַטנער שטומקייט
דונערדיקט ווי אַ בת־קול.

טראָק תש״ף

# גראָדנע

*...שטראַלט זוניק מײַן געצעלט.*
**לייב נײַדוס**

כ׳האָב פֿאַרשפּעטיקט אַהער אויף הונדערט יאָר
און ניט געטראָפֿן לייב נײַדוסן.
קיין אוהל נײַדוס איז ניטאָ,
ס׳איז ניט געבליבן אפֿילו קיין קבֿר,
וווּ עס רוט זײַן געביין.
בלויז אַ זײַטיקע גאַס אויף זײַן נאָמען,
דער פּייזאַזש פֿון דער שטאָט און די לידער,
וועלכע קלינגען מעלאָדיש אַזוי
אויף דער שפּראַך, וואָס איז נעלם געוואָרן
פֿונעם היגן פּייזאַזש.
קיין אוהל נײַדוס איז ניטאָ,
נאָר עס שטראַלט דורך די גרוייִנקע וואָלקנס
זײַן געצעלט.

ימים־נוראים תש״ף

# נאָך שאַגאַלן

פּליִענדיקע קלות,
בליִענדיקע ציגן,
שבתדיקע חלות,
וועטער מיט אַ ניגון.

רויטע הענער קרייען,
זינגען פֿיש אין צווײַגן,
קרומע רעגנס גייען,
זייגערס טוען לײַגן.

רויטער ריינער ציגל
פֿלעקט די ווענט די רויע.
קויפֿן כ׳וועל אַ ציגל
בײַ די היגע גויִים.

וויטעבסק תש״ף

***

הערט אַ מעשׂה, הערט אַ געשיכטע:

צעשמירטע פֿאַרבן פֿונעם נאָכמיטאָג
גרויען זיך אייראָפּעיִש־איינאַרטיק.
קיין שום ספּעציפֿיק איז ניט געבליבן,
קיין שום מיוחד־במינו.
דאָס אַלץ איז געווען שוין:

רויִק און זיכער, אַזוי ווי געוויינלעך,
קומט מען צום סוף פֿון געשיכטע,
און זי הייבט זיך אָן ווידער.
אַלץ פֿון דאָס נײַ. ואין שום חדש,
חוץ די כמאַרעס אונדער דער זון.

ריגע תש״ף

# אַ גרוס די העלדן

נײַע צײַטן טוען קומען.
פֿייגל זינגען, בינען זשומען.
ערגעץ בליִען צויבער־בלומען.
זייער ריח רייצט די נאָז.
ס'איז אַ שאָד די צײַט די אַלטע,
הייסע זומערס, ווינטערס קאַלטע,
בעלץ, מעדזשיבאָזש, אומאַן, באַלטע,
רעגנס, שנייען, היי און גראָז.

כ'הער, ווי רויטע הענער קרייען,
כ'פֿיל, ווי בייזע ווינטן ווייען,
כ'זע, ווי בידנע כאַטקעס שטייען
שטאָלץ אַקעגן אַ פּאַלאַץ.

כ׳בין אַנטציקט פֿון זייער גבֿורה.
כ׳גלייב, אַז אַלץ וועט זײַן כשורה,
האָבן וועט אַ שטיקל צורה.
כ׳טו פֿאַרטראַכט דעם קאָפּ אַ קראַץ.

איך פֿאַרשטיי, אַז דאָס קלינגט מאָדנע
סײַ אין בריסק און סײַ אין גראָדנע
צווישן העלדן סאַמעראָדנע,
וועלכע לאָזן זיך אין שלאַכט.
אָבער ס׳קומען נײַע צײַטן.
וועלן זיי דעם קיום בײַטן.
ס׳וועלן נאָענט ווערן ווײַטן.
ס׳וועט דער היַינט זײַן פֿול מיט פּראַכט.

כּפֿר־אלדד תּשפ״א

# נאָך דער גרופּע "לענינגראַד"

איך האָב געזען אַ שיינעם חלום,
אַז מאָסקווע ווערט אין אַש פֿאַרברענט,
פֿארברענט מיט טאָלק, לויט אַלע כּללים.
דאָס פֿײַער לעקט די קרעמל־ווענט.

היי, מאָסקווע, דײַנע גלאָקן מעלדן דיר אַ סוף!

עס ברענען ווערטיקאַלע טורעמס,
דער טעמפּער קאָפּ, די לאַנגע הענט.
אַ שלל מיט שטרענג לאָקאַלע שטורעמס
און מאָסקווע ווערט אין אַש פֿאַרברענט.

היי, מאָסקווע, דײַנע גלאָקן מעלדן דיר אַ סוף!

אַ ווידערוווּקס אויף אַש וועט שטײַגן,
ווען ס'וועלן אומפֿאַלן די ווענט.
איך זע שוין בליִענדיקע צווײַגן.
איך זע, ווי מאָסקווע ווערט פֿאַרברענט

היי, מאָסקווע, דײַנע גלאָקן מעלדן דיר אַ סוף!

ערבֿ י"ז בתּמוז תּשפ"א

# אַ וויגליד

קינדערלעך זיסינקע, קינדערלעך טײַערע,
ס׳איז שוין געקומען די נאַכט.
טוען שוין אומעטום לעשן זיך פֿײַערלעך,
אייגעלעך גיכער פֿאַרמאַכט.

ס׳וועט זיך אײַך חלומען אַ גאָלדן וועגעלע
מיט אַ פּאָר שניי־ווײַסע פֿערד.
ס׳קײַקלען זיך רעדעלעך איבער אַ שטעגעלע,
טלאָעלעך פּויקן אין דר׳ערד.

און אינעם וועגעלע זיצט אַ בן־מלכּל,
זינגט ער אַ פֿריילעכע ליד.
ס׳קלינגט ווי אַ גלעקעלע ס׳זיבערנע קעלעכל.
פֿייגעלעך זינגען אים מיט.

זינגען אויף אונדזער דאַך קעצעלעך שוואַרצינקע.
ס׳בילט בײַ די שכנים אַ הונט.
שלאָפֿט, מײַנע טײַערע, שלאָפֿט מײַנע האַרציקע.
זאָלט איר זײַן שטאַרק און געזונט.

כּפֿר־אלדד תשפ״א

# נאָך פּרץ מאַרקיש

דער טראָט פֿון די דורות דערטראָגט זיך אַהער גלײַך ווי גרויזאַמע גרוסן.

עס ציטערט גאָר דריבנע דער ערדישער ראַנד — האָריזאָנט.
מע גרייט זיך דעראָבערן עפּעס, דורכרײַסן אַ פֿראָנט.

ווער גרייט זיך? — וואַרשײַנלעך, די דײַטשן, און אפֿשר, די רוסן.

מע פֿירט אפּיקורסים דורך טויערן ערגעץ דערשיסן
אין גרויען קאַיאָר בײַ אַ גרינלעכער וואַנט אָן אַ טיר.
מע וועט אומפֿאַרנײַדלעך אָפּשפּאָרן אַ שאָס אויך פֿאַר דיר.
מע פֿרעגט שוין נאָך מיר. אַ פֿרילינג איז גרינג דאָך פֿאַרגיסן.

מע גראָבט גרויסע ריוון פֿאַר קערפּערס, וואָס זײַן שוין ניט דאַרפֿן.
עס הערט זיך דער דונער פֿון אויפֿרײַסן טיף אין דער ערד.
דער טראָט פֿון די דורות ווערט נעענטער, העכער שוין. הערט?
פֿרײַ מעסערס צו שאַרפֿן, פֿרײַ מעסערס צו שאַרפֿן, פֿרײַ מעסערס צו שאַרפֿן....

כפֿר־אלדד תשפ"א



# אויף גלאַטע וועגן

***

איך זוך באַשטענדיק גלאַטע וועגן,
צו יענע אומבאַרירטע שפּיצן,
וואָס שטאַרצן איבער שניי און רעגן,
ווּ בלויז די זון און שטערן בליצן.

איך זוך און כ׳קען זיי ניט געפֿינען,
ווײַל ס׳איז ניט גלאַט דער וועג צום אויבן,
ניט גלאַט און גאָר, אין אַלע זינען,
דו מעגסט כאָטש שעלטן און כאָטש לויבן.

גלאַט כּשר איז מײַן זוכונגס־שטרעבן,
אָן קיין שום זײַטיקע כּוונות.
איך זוך די וועגן ס׳גאַנצע לעבן.
צווישן עשירות און קבצנות,

צווישן אַנטפּלעקטקייט און רמזים,
צווישן חריפֿות און באַנאַלקייט.
אַזוי פֿיל סודותפֿולע רזים
אַנטהאַלט דאָך אינדיווידואַלקייט.

די שפּיצן זײַנען זיכער שטעכיק.
איך דאַרף זיי ניט, נאָר כ׳זוך די וועגן.

כּפֿר־אלדד תשע״ט

***

אָסיען, ווינטער, וועסנע ,זומער
נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל
זעט אַ יעדערער וועלט־קומער,
ווײַל זײַן וועג איז זייער שמאָל.

רעכטס און לינקס קיין שפּאַן ניט טרעטן,
רק פֿאָרויס, פֿאָרויס, פֿאָרויס
אין אַ קרײַז־גאַנג אַ קאָנקרעטן,
און דער קרײַז איז גאָר ניט גרויס.

און ווי וועווערקעס אין רעדער
שפּרינגען מיר און לויפֿן מיר
אין מדבריות און אין סעדער,
כאָטש פּלאַניר, כאָטש ניט פּלאַניר.

נאָר אַ האָפֿענונג אַ מאַדנע
שוועבט און רייצט און גיט אַ קראַפֿט
סײַ פֿאַרהאַוועט סײַ פֿאַרגאַפֿט.
שאַפֿט!

כפֿר־אלדד תשע״ט

# זעוס

ער איז אַראָפּ פֿונעם אָלימפּ ווי אַ לאַווינע
און זיך צעגאַנגען האַרט בײַם וואַרעמען ים־ברעג,
ווו ס'טוט אַ ווינטל הוידען צאַרטלעך פּאַלמעס גרינע,
ווו ווײַסע זעגלען בענקען ליריש נאָך אַ וועג.

ער איז אַראָפּ און דעם אָלימפּ געלאָזט האָט ליידיק,
און עפּעס פֿעלט, יאָ טאַקע עפּעס פֿעלט ביז גאָר.
ער איז ניטאָ, און איצט כאָטש פרײדיק, כאָטש ניט פרײדיק,
כאָטש גלייב און כאָטש ניט גלייב. דאָס איז די וואָר.

לימאַסאָל תשע״ט

***

ווילדע מענטשן,
אַזעלכע ווי איך,
שלאָגן זיך.
בין־השמשות.
ס'איז נאָך צו זען סילועטן פֿון פּאַלמעס
און פֿלעקן אויף ווײַסן זאַמד.
סע דערטראָגן זיך ריחות פֿון ים
און פֿון בלוט און פֿון שווייס און פֿון שרעק.
קיין פֿײַערל.
ס'ווערט פֿינצטער ענדגילטיק גאַנץ גיך.
ס'ווערן אַנטשטומט געשרייען און כריפּען
און אפֿילו דאָס פּליעסקען פֿון כוואַליעס.

מאָסקווע תשע"ט

# שאַץ

כ׳האָב קיין ווערטער ניט געפֿונען
און דעריבער ניט געזאָגט
פֿון אַ שאַץ, וואָס איז אַנטרונען,
ווייַל איך האָב אים ניט פֿאַרמאָגט.

ניט פֿאַרמאָגט האָב איך פֿון תּחילת,
ממש פֿון קדמונים אָן
קיין שום גיטער, קיין שום ווילעס,
קיין שום מאי־קא־משמע־לן.

אומדערטרעגלעך פּייַניקט דלות
מייַן דערפֿינדערישע זעל.
לויפֿן אָן יסורים־כוואַליעס,
מאַכן פֿון מייַן שאַץ אַ תּל.

שטראָמט און רינט און ווערט אַנטרונען
אַלץ, וואָס כ׳האָב אַמאָל געשעצט.
כ׳האָב קיין ווערטער ניט געפֿונען
נישט אַמאָל און אויך ניט יעצט.

נאָר מײַן זעל האָט פּאָרט דערפֿונדן
אָט די מעשׂה פֿון אַ שאַץ
צו פֿאַרהיילן מײַנע ווונדן,
גלײַך ווי זיי פֿאַרלעקט אַ קאַץ.

ס׳הייבן זיך און פֿאַלן כוואַליעס.
מאי־דהוה קומט צוריק,
נײַע מעשׂיות שאַפֿט מײַן דלות
פֿון אַ שאַץ און פֿון אַ גליק.

מאָסקווע – ריגע תּשע״ט

# עק װעלט

דער נעפּל ליגט ממש על־פּני המים.
זײַן שיכט איז דיק. ער דערגרייכט בעצם צו די הימלען.
דער נעפּל פֿאַרפּילט דעם גאַנצן רוים און די צײַט,
ס׳איז ניט צו דערזען הינטער אים,
צי זײַנען די הימלען פֿאַרצויגן מיט שוואַרצע כמאַרעס
אָדער מיט ווײַסע וואָלקנס.
אָט על־סבֿיבֿותיו שבֿ הרוח,
און אונטער דעם האַרטן בלויען הימל
אַנטפּלעקט זיך אַ רונדער ענדלאָזער אָקעאַן,
וועלכער שטראָמט און כוואַליעט זיך ביז סאַמע עק וועלט.
אויף יענעם ברעג איז ניטאָ קיין שום אַמעריקעס,
און בכלל איז יענער ברעג ניטאָ.
צידונים שווימען פֿאַרבײַ צום צפֿון.
זיי זײַנען אַרויס פֿון תּרשיש
און שטרעבן צום אייביק פֿאַרנעפּלטן אינדזל פֿון ציִן,
וואָס זײַן ווערט איז צומאָל ווי דאָס ווערט פֿון גינגאָלד.
ויהי ערבֿ, און פֿאַר די צידונים
וועט מען אָנצינדן דאָ, בסוף מערבֿ
אור אין חושך
אויף דעם אַלטן לײַכט־טורעם.

א־קאָרוניאַ תּמוז תּשע״ט

***

...דערצו איז פּוסט דער וואַך־לאָקאַל, און אויף די ווענט
שפּאַצירט אַן איינזאַמער ליַידאַק שוין וועלכע יאָר.
עס פֿעלן פֿיס, עס פֿעלן קעפּ, עס פֿעלן הענט,
און אין דעם הימל טאָג און נאַכט שייַנט אַ קאַיאָר.

ער איז מבֿשׂר, אַז קיין מאָרגן וועט ניט זיַין.
ס׳וועט זיַין רק היַינט באַהעפֿט מיט נעכטן ניַי און פֿריש.
דער עיקר איז, אַבי ניט פֿעלן זאָל אונדז וויַין
אויף יעדן טיש.

לוגאָ תשע״ט

# בין־לבֿין

קונציק דרייען זיך גורלות
פֿונעם אל״ף
ביזן תּ״ו
אינעם היימלאַנד און אין גלות
צווישן וועלף און צווישן שאָף.

פֿונעם הימל פֿאַלן שטערן
יעדן איינעם אויפֿן קאָפּ,
און פֿון אויגן פֿאַלן טרערן.
קיינער וועט ניט זאָגן: "סטאָפּ!"

פֿון די שטערן שפּראָצן בלומען,
נאָר עס טוען ווײ די קעפּ.
גייט מען מיטן צוועק ניט קומען
טריט בײַ טריט און סטעפּ בײַ סטעפּ.

אַז מע לעבט, דערלעבט מען זיכער
ביז אַ זבענג און ביז אַ דריי.
גייט מען לאַנגזאַם, קומט מען גיכער
סײַ צו זיך און סײַ צו זיי.

פֿונעם תּ״ו צוריק צום אל״ף
איז דער וועג בפֿירוש קורץ
דורך אַן אָנגעשראַפּטן חלף.
דאָס איז אייגנטלעך דער קונץ.

ירושלים תּשע״ט

# די וואַלן־קאַמפּאַניע

ווער וועט קומען און זאָגן דעם אמת
וועגן גאָרנישט און אַלץ און בכלל
פּראָסט און פּשוט, און ניט מיט אַ רמז,
וואָס פֿון אים שלאָגט צומאָל צו דער גאַל?

זאָל ער קומען און מעלדן דערהויבן,
אַז ער האָט די רשעים אין דר'ערד,
אַז מע דאַרף אים ניט בענטשן, נישט לויבן,
ווייַל די חניפֿה האָט כּלל ניט קיין ווערט.

טו איך וואַרטן געדולדיק אויף קומען
פֿון דעם ווונדער, וואָס איז ניט קיין נס,
מיט טרומייטן, וואָס טוען ניט ברומען,
נאָר דערמאָנען מיר, אַז איך פֿאַרגעס:

איך פֿאַרגעס פֿונעם פּשוטן אמת,
און פֿון גאָרנישט און אַלץ און בכלל,
פֿונעם סוד, פֿונעם דרש, פֿונעם רמז,
פֿונעם טרוים זייַן אַ מענטש אָן אַ גאַל.

# לשם שמים

אַ טרעגער־קלוב איז דווקא גאָר געפֿערלעך
פֿאַר די, וואָס לייגן משׂא אויף די טרעגער
און האַלטן, אַז ניט צאָלן זיי איז ערלעך
און ס׳איז דערלויבט פֿון אויבן זײַן אַ מעגע.

איז שרײַט מען, אַז אַ קלוב איז טרף און פּסול,
אַז דאָרטן שליאָנדרען כּלערליי הולטײַעס.
איז דרייט מען זיך גלײַך ווי אַ פֿאָרץ אין ראָסל,
נאָר גאַנץ בכּבֿודיק, מיט פֿול אחריות.

און ס׳טוען גלייבן טרעגער תּמעוואַטע
און שלעפּן ווײַטער דעם געהאַסטן וואָגן.
און ס׳טוען פּראַזדנעווען לײַדאַקעס זאַטע
לשם שמים דאָך.וואָס קען מען זאָגן?

כּפֿר־אלדד תּש״ף

***

בין איך מיר אַ ייִד אַ שטילער.
לויטן פּאַך בין איך אַ קילער.
און צומאָל בין איך אַ דילער.
אָט אַזוי.
בין איך אויך דערצו אַ שיכּור,
כ׳טרינק סײַ בראָפֿן און סײַ ליקער.
ס׳איז ניט וויכטיק, ווײַל דער עיקר —
ניט קיין גוי.

כ׳בין אַ ייִד לויט דער הלכה.
ס׳איז סײַ קללה און סײַ ברכה,
סײַ מפּלה סײַ הצלחה.
באָזשע זש מאָי!
און מײַן היימלאַנד איז ישׂראל
און מײַן מלך איז דער גאול,
כאָטש כ׳האָב ניט געזען קיין מוהל —
ניין און לאו!

יעקאַטערינבורג תּש״ף

# ניט דערזאָגט

ס׳קומט אין גיכן די גאולה
שוין כמעט צוויי טויזנט יאָר.
מתמהמה איז די גדולה
יעדעס מאָל פֿון דור צו דור.

ס׳איז אַ מינהג דאָך געוואָרן,
און דער מינהג ברעכט דעם דין.
ס׳איז קיין תּירוץ פֿאַר קיין צאָרן,
ווײַל דאָס וואַרטן האָט אַ זין.

ס׳איז דאָס וואַרטן אונדזער גלויבן,
אונדזער תּוך און אונדזער זײַן.
לאָמיר בענטשן, לאָמיר לויבן
פּשוט אין דער וועלט אַרײַן.

און די וועלט וועט אונדזער באַקרוינען
מיט אַ שפֿע פֿון געדולד.
ס׳אונדזער שולד!

ירושלים תּש״ף

# ערגעץ

ערגעץ טוט וואַרטן אַ צערטלעכער ים,
ער האַלט אין וואַרטן שוין לאַנג מן־הסתם.
קײַקלען זיך כוואַליעס צום זאַמדיקן ברעג,
לעקן אים שוימיק און לויפֿן אַוועק.

גאָלדענע פֿיש — לעבן רויטן קאָראַל,
ריזיקע מושלען, מיט פּערל אַ שלל.
ס'איז אַזאַ שטילקייט צעגאָסן אַרום,
אַז סע פֿאַרגלוסט זיך פֿאַרגאַפֿט בלײַבן שטום.

פּאַלמעס ניט־דאַיִקע שטייען אין פֿרונט.
בלומען עקזאָטישע יום־טובֿען בונט.
אויסשטערליש שמעקט די באַצויבערטע לופֿט.
ניט צו באַשרײַבן זײַן איידעלן דופֿט.

ווו איז דער ערגעץ? — ניט וויכטיק בכלל.
סײַ אין שום מקום און סײַ — איבעראַל.

כפֿר־אלדד תש״ף

# אָן אַ נדר

בשעתו האָב איך מבֿטיח געווען ממשיך זײַן.
עד־היום בין איך ממשיך און מבֿטיח זײַן ממשיך.
בלי־ספֿק אין עתיד וועל איך זײַן ממשיך, אָן אַ נדר,
הגם כ׳האָב מנדר געווען אין מײַן האַרצן אַ נדר
דינען דער המשך און מקום־מיקלט,
צי כאָטש אַ פּריטולעק
פֿאַר מײַן מאַמע־לשון, וואָס איז געגאַנגען לאיבוד
בצורת לשון פֿון עמך.
עמך גיט ניט קיין כּבֿוד דעם לשון פֿון גלות.
ער האַלט דאָס מאַמע־לשון פֿאַר אַ ניפֿטר,
אויב ניט פֿאַר אַ נישטיקן פּגר.
דער יתום זאָגט ניט אפֿילו קיין קדיש.
ער איז מיט גאווה מבֿשׂר: "עוד אָבֿינו חי"
ער דאַרף ניט קיין מאַמע לעת־עתּה.
ער דאַרף ניט בעצם קיין טאַטן.
אַזאַ איז זײַן דעה.
אלא איך בין מבֿטיח
ממשיך זײַן.

מודיעין י״ז בתּמוז תּש״ף

# אַ וויזיע ערבֿ סוכּות

און איך וועל ווערן זיכער אַ פֿאַרשטיקטער קלאַנג.
עס וועלן מיך פֿאַרגעסן אייניקלעך מסתּמא
הגם כאָטש עמעצן אין אַלוועלטן געראַמע
וועט טוען צוליב דעם אַ ביסל באַנג.

דער קלאַנג איז אייגנטלעך דאָס שאַפֿנדיקע וואָרט,
וואָס האָט געבאָרן שײַן און פֿינצטערניש באַזונדער.
דערפֿאַר עס וועט געשען אַמאָל אַ גרויסער ווונדער,
און אויב ניט דאָ, איז בלי־ספֿק ערגעץ דאָרט.

און ס׳וועלן אייניקלעך דערמאָנען, ווער איך בין,
און וואָס איך בין געווען וועט זיי אינטערעסירן,
און יענץ, וואָס מ׳פֿלעגט כּסדר יאַקאָס איגנאָרירן,
דערוועבן וועט פֿאַר זיי אַ ווערט און אויך אַ זין.

ס׳איז אַלץ כּשורה אין מײַן קיומל דערווײַל.
כ׳בין גרייט אַרויסרופֿן: ״פֿאַרווײַל דאָך, אויגנבליקע!״
כ׳פֿלאַניר פֿאַרפֿאַסן ביכער אומגעלומפּערט דיקע,
וואָס זאָלן ווערן פֿאַר דעם זײַן אַן עכטער זײַל.

כּפֿר־אלדד תּשפ״א

# מאידך גיסא

כל־זמן כ׳בין געווען אַ בחור, בין איך געווען אַ גיבור.
פּנים־אל־פּנים מיט צרות, מיט דלות, מיט ימים־נוראים,
מיט מורא־שחורה, מיט ייִאוש, מיט סכּנת־נפֿשות,
אפֿילו מיט מיתה־משונהפֿלעג איך שיטן מיט חכמות,
מאַכן אַ יום־טובֿ כּסדר.
אין כּל־מיני מושבֿי־לצים, ווו איך בין געווען אַ בן־בית,
האָב איך געשמט ווי אַ מבֿין.
ס׳איז ניט מײַן תּקופֿה צו לאַכן, מאַכן חוכא־וטלולא,
אלא כ׳בין ממשיך לעת־עתּה.
איז דאָס מסתּמא אַ סימן, אַז לעת־זיקנה כ׳וועל ווערן
אַ בקי אין חכמת־כּעלעם, אַן עובֿר־בטל אַ בריה?
אָדער כ׳וועל כּלל ניט ווערן פֿאַר מײַנע חטאים אַ זקן?

כּפֿר־אלדד תּשפּ״א

***

איך גיי צווישן דערנער און שטערן.
עס דאַכט, ס'איז אומענדלעך דער וועג.
איך טו אומעטום עפּעס ווערן,
נאָר וואָס? טו אַ טובֿה, ניט פֿרעג.

דאָס גיין איז דער צוועק פֿון מײַן קיום.
פֿאַרוואָס? ס'איז אַ פֿראַגע פֿאַר זיך.
געענטפֿערט שוין האָבן נבֿיאים,
און איצט גיב מײַן ענטפֿער אויך איך.

די אַלוועלט איז גרויס אומגעהויער.
מײַן ענטפֿער וועט נעמען אַ צײַט.
איך מוז אָפּטמאָל ברעכן אַ טויער,
ווײַל שליסלען געפֿינען זיך ווײַט.

איך גלייב, אַז אויך חבֿרהלײַט גייען.
אַניט, האָט מײַן גיין ניט קיין ווערט.
די ראָד טוט זיך דרייען און דרייען,
און אַלץ איז פֿון לאַנג שוין באַשערט.

און פֿאָרט וועל איך בײַטן גורלות,
אַ שטופּ טאָן די אַלוועלט קוים־קוים.
אויף מיר זיכער וואַרטן מפּלות,
נאָר דאָס איז ניט וויכטיק. ס'איז שוים.

תּל־אָבֿיבֿ תשפ"א

# עצות דעם וועלט־קומער

פֿרעג,
צי אין ערגעץ פֿאַראַן איז אַ ברעג,
ווו
ס׳הייבט זיך אָנעט אַ זוניקער וועג,
וואָס
פֿירט פֿון שטענדיקער גרויקייט אַוועק.
שווים
אָן אַן ענטפֿער און פֿאָרט אָן אַ שרעק.
גיי.
זאָל דייַן שטעג זייַן מיט ציין ווי אַ זעג.
ווייס:
מ׳וואַרט אויף דיר שוין מיט מעסערס און העק.
טו
ניט קיין ריסעט און אויך נישט קאַם־בעק.
שטרעב
צו אַ שלימות, וואָס האָט ניט קיין עק,
כאָטש
לויט דער שנעלקייט וועסט זייַן ווי אַ שנעק,
כאָטש
וועסט פֿאַרלירן דעם חשבון פֿון טעג,
דעק
די מרחקים, כּיי לאַנגזאַם, נאָר דעק.
סלע.
ס׳איז יענץ, וואָס מע דאַרף און מע מעג.

הערצליע תשפ״א

***

צומאָל איז וויכטיק זייַן פֿאַרשדענדלעך
לכל־הפּחות זיך אַליין.
אַניט וועסט דרייען זיך אומענדלעך
איבער אַ פּוסטן פּלאַכן פליין.

דאָרט פּויזען טעמפּע טשערעפּאַכעס,
און זייער בליק איז ריין און פּוסט.
ניטאָ קיין שטערונגען, קיין נחת,
קיין צער, קיין צאָרן און קיין גלוסט.

צומאָל איז גוט געפּאַנצערט ווערן,
נאָר בלויז צומאָל און אויף אַ ווייַל.
אַניט וועסט זיך אַליין צעשטערן,
גלייַך ווי מע ווישט אַראָפּ אַ פּייַל.

כפֿר־אלדד תשפ״א

# יאַנקל באָנד

דער געהיימער אַגענט
האָט אַ מאָדנעם אַקצענט,
וואָס דערמעגלעכט אים זײַן אַ בן־בית
אין באַליביקן קאַנט, בײַם באַליביקן ברענד,
בײַם באַקומען באַליביקע נײַעס.

סײַ אַ דײַטש סײַ אַ טערק,
סײַ אין טאָל סײַ אויף בערג
איז ער תּמיד צום אָרט און באַצײַטנס.
ער איז גיך, ער איז פֿלינק. ר׳גייט פֿאַרבײַ — גיי באַמערק,
פּרווו פֿאַרשטיין זײַנע דײַטלעכע אײַטעמס.

ווער איז זײַן באַלעבאָס?
וואָס פֿאַר אים איז אַ מאָס?
ניט געענטפֿערט וועט בלײַבן די פֿראַגע.
קיין שום ווו, קיין שום ווענען, קיין ווען און קיין וואָס.
אָט אַזאַ איז בקיצור די לאַגע.

ירושלים תשפ״א

***

אַלץ, וואָס שטרעבט נאָך אַן אומזיַין זיך יאַוועלן און זיַין,
אַלץ, וואָס איז ניט געווען, נאָר געוואָרן,
וואַרפֿט זיך טעמפּ אין אַ שלאַכט אַ פֿאַרשיַיטער אַריַין,
ווי אַ בלינדלעכער בייזער נאָזהאָרן.

ער האָט עפּעס געקיַיעט אין שאָטן און אָט
טוט ער טאָפּטשען אַ זונפֿלעק מיט טלאָען,
און ס׳קומט צו אַ היִענע מיט זיכערן טראָט,
און שאַקאַלן דערמוטיקטע וואָיען.

כּפֿר־אלדד תשפ״א

***

דענקמעלער פֿון האַלב־פֿאַרגעסענע גרויסע מלחמות.
העלדישע זין פֿון אַ ריזיקן לירישן וואַנזין.
שפּיצן דערגרייכטע, שפּיצן באַשיצטע,
שפּיצן פֿאַרכאַפּטע, שפּיצן באַשפּריצטע.
בלומען אויף בלוט אין שוצגראָבנס.
נישטיקע ירשים, וואָס זײַנען ניט ווערט
אָדער זײַנען יאָ ווערט.

מאָנטע־גראַפּאַ תשפ״א

***

גרייט זיך צום וואַרפֿן זיך פֿריילעך אויף שפּיזן,
צום ווערן קדושים דערנאָך און אַצינד.
זעט אין ווינטמילן דראַקאָנען און ריזן.
ציילט פֿרעמדע מיצוות און אייגענע זינד.

רינען זאָל בלוט פֿון צעשטאָכענע גאָרגלען,
פֿאַרבנדיק פֿריילעך דאָס פֿאַרבלאָזע זײַן.
זאָלן זיי הודיען ווי קריסטלעכע אָרגלען
גלײַך דעם באַשאַפֿער אין פּנים אַרײַן.

ס׳וועט סײַ ווי סײַ ניט דערטראָגן צום אויבן
קריוודעס און קלאָגן און לײַדן און זין.
וואָס איז דער טעם שרײַען ״הער!״ צו אַ טויבן.
וואָס איז דער תּכלית דערפֿון און דערין?

כפֿר־אלדד תשפ״א

# אַ סערענאַדע בײַ דער פּרײַהייט־סטאַטוע

כ׳האָב געפֿרעגט אײַך: מאַדאַם, וואָס וועט זײַן אײַער ענטפֿער
אויף דער פֿראַגע, וואָס איך האָב בכלל ניט געפֿרעגט?
כ׳בין בטבֿע אַ יעגער, אַ טרוימער, אַ קעמפֿער.
זיך פֿאַרלאָזן אויף מיר וואָלט איר תּמיד געמעגט.

איר האָט פּײַנפֿול געשטומט מיט לײַכטזיניקן שמייכל
בעת די שקיעה העל־רויט האָט פֿאַרבלוטיקט דעם ים.
כ׳האָב געפֿרעגט מיטן האַרץ. ענטפֿערט כאָטש מיטן שׂכל!
נאָר איר האָט ניט געאײַלט, זיך פֿאַרטראַכט מן־הסתּם.

כוואַליעס האָבן געררוימט, מעוועס האָבן געשריגן
און אַ צערטלעכער בריז האָט די שׂריפֿה געקילט.
כ׳האָב געפֿרעגט און געוואַרט. זאָגט מיר כאָטשבי אַ ליגן,
זאָגט מיר "יאָ", זאָגט מיר "ניין". זאָגט מיר אַלץ, וואָס איר ווילט.

ס׳האָט דער פֿאַקעל געבליצט מיט גינגאָלד אין די הייכן.
האָט איר מיך איגנאָרירט. כ׳בין פֿאַר אײַך אַ פּוסט אָרט.
כ׳האָב פֿאַרשטאַנען, אַז אײַך וועל איך שוין ניט דערגרייכן.
זײַט זשע גליקלעך אָן מיר, פּשוט זײַט ערגעץ דאָרט.

תשפ״ב

## אינהאַלט

הלל קאַזאָווסקי — "וועלוול טשערנין: פּאָעזיע אַ לס זעלבסטדערקענטעניש" 5

### עבֿרי־טײַטש

מײַן לשון קומט פֿונעם מידבר 10
"בעת איך בלעטער אַ ספֿר..." 11
פֿון דער ערשטער פּערזאָן 12
כאַדיס פֿון אַבו־כודיידאַ 13
די ספֿירה 14
אַ לשנה־טובֿה 15
"אויפֿן ראַנד פֿון צוויי וועלטן..." 16
Exegi monumentum 17
"דער בורא פּלוצעם ווערט אין כּעס..." 18
אַ גראָדיקע נאַכט 19
דער ערשטער דיבר 20
באַכטשיסאַרײַ 21
"זאָגט איר, אַז די זון וועט אייביק..." 22
סוף אלול 23
גוט שבת 24
זײַ מוחל 25
"מיר איז נימאס געוואָרן פֿון ייִדיש..." 26
"אָט אַזוי טוט דערווערבן אַן אומזין אַ זין..." 27
מעשׂה־אָבֿות 28
גלגל־החוזר 29
ערבֿ ראָש־חודש 30

## אינהאַלט

"ברענען בערעזעס, ברענען אָסינעס..." ........ 31
בהמון גליו ........ 32
סאַמע סוף אלול ........ 33
וואַלד ........ 34

### היימלאַנד

"ווּ איז ער, דער לעצטער לעמפּערט..." ........ 36
"ס'איז דעמערונג אומענדלעך קורץ..." ........ 37
חול־המועד ........ 38
אָנהייב אָבֿ ........ 39
עכּו ........ 40
"דורכדרינגנדיק־געלע בלעטלעך..." ........ 41
"אַ בליץ וועט אויפֿלויכטן פֿינצטערע רוימען..." ........ 42
ערבֿ אָדר ........ 43
"פֿײַער־צונגען דערהייבן זיך פֿון אַש..." ........ 44
יום־ירושלים ........ 45
"חוץ־לאָרץ אין תּוך איז דער ים..." ........ 46
"שטיינער, וואָס בוימײַסטער האָבן פֿאַראַכט..." ........ 47

### צווישן דעם ירדן און דער בירע

מיצווה גוררת מיצווה ........ 50
נאָך רבי נחמן ........ 51
אַ רעגנבויגן אויפֿן ווײַסן פֿעלד ........ 52
בײַ מאַנדעלשטאַמס הויז ........ 53
נאָך אָשר שוואַרצמאַנען ........ 54

## אינהאַלט


סיביר ........................................ 55
אַ פּענדזל ........................................ 56
כּולנו מבֿינים ........................................ 57
וולאַדיוואָסטאָק — ביראָבידזשאַן ........................................ 58
האור־הגנוז ........................................ 59
קאָוואַדלע ........................................ 60
"די פּלאַנעטע איז גרויס..." ........................................ 62
אהבֿת־חינם ........................................ 63
"כ׳האָב געזען, ווי די זון גייט אַראָפּ פֿון די הייכן..." ........................................ 65


### אינעם תּחום


ווײַסרוסלאַנד ........................................ 68
אַקמעסדזשיט ........................................ 69
רײַסן ........................................ 70
"קראָען איבער דער אָזערע..." ........................................ 71
גראָדנע ........................................ 72
נאָך שאַגאַלן ........................................ 73
"הערט אַ מעשׂה, הערט אַ געשיכטע..." ........................................ 74
אַ גרוס די העלדן ........................................ 75
נאָך דער גרופּע "לענינגראַד" ........................................ 77
אַ וויגליד ........................................ 78
נאָך פּרץ מאַרקיש ........................................ 79


### אויף גלאַטע וועגן


"איך זוך באַשטענדיק גלאַטע וועגן..." ........................................ 82

## אינהאַלט

"אָסיען, ווינטער, ווענסע ,זומער ..." ........................ 83
זעוס ........................ 84
"ווילדע מענטשן.." ........................ 85
שאַץ ........................ 86
עק וועלט ........................ 88
"...דערצו איז פּוסט דער וואַך־לאָקאַל..." ........................ 89
בין־לבֿין ........................ 90
די וואַלן־קאַמפּאַניע ........................ 91
לשם שמים ........................ 92
"בין איך מיר אַ ייִד אַ שטילער.." ........................ 93
ניט דערזאָגט ........................ 94
ערגעץ ........................ 95
אָן אַ נדר ........................ 96
אַ וויזיט ערבֿ סוכּות ........................ 97
מאידך גיסא ........................ 98
"איך גיי צווישן דערנער און שטערן..." ........................ 99
עצות דעם וועלט־קומער ........................ 100
"צומאָל איז וויכטיק זײַן פֿאַרשדענדלעך..." ........................ 101
יאַנקל באָנד ........................ 102
"אַלץ, וואָס שטרעבט נאָך אַן אומזיַין זיך יאַוועך און זײַן..." ........................ 103
"דענקמעלער פֿון האַלב־פֿאַרגעסענע גרויסע מלחמות..." ........................ 104
"גרייט זיך צום וואַרפֿן זיך פֿריילעך אויף שפּיזן..." ........................ 105
אַ סערענאַדע בײַ דער פֿרײַהייט־סטאַטוע ........................ 106

וועלוול טשערנין

# **וועגן**

**טעכנישער רעדאַקטאָר** יעלענע סאַראַשעווסקאַיאַ
**דיזײַן** טאַטיאַנאַ איסטאָמאָנאַ
**פֿאָטאָגראַף** אָלעג טשערנאָמאַז
**קינסטלערין** אַנאַסטאַסיע פּראָקאָפּיווע

*Велвл Чернин*

# ДОРОГИ

Технический редактор ***Елена Сарашевская***
Верстка и дизайн ***Татьяна Истомина***
Фотограф ***Олег Черномаз***
Художник ***Анастасия Прокофьева***

Велвл Чернин родился в Москве в 1958 году, в 1990-м репатриировался в Израиль. Учился на историческом факультете МГУ и в группе «Идиш» ВЛК при Литературном институте им. Горького. Защитил докторскую диссертацию на факультете литературы еврейского народа в израильском университете Бар-Илан. Первые стихи Чернина появились на страницах московского журнала «Советиш Геймланд» в 1983 году. В 1980-е годы публиковался также в газете «Биробиджанер штерн», а позднее — в журналах «Ди голдене кейт» (Тель-Авив), «Ди пен» (Оксфорд), «Топлпункт» (Тель-Авив), «Афн швел» (Нью-Йорк), «Ди гилгулим» (Париж) и в других периодических изданиях на идише. Издал восемь поэтических сборников на идише и один на иврите, а также антологию своих переводов на идиш произведений иноязычных поэтов еврейского происхождения (Биробиджан, 2021) и сборник эссе (Тель-Авив, 2017). Его стихотворения были изданы отдельными книгами в переводах на украинский (Львов, 2016) и русский (Биробиджан, 2020). Сочинял и переводил тексты для театральных и эстрадных коллективов ЕАО, Украины и Израиля. Перевел на русский язык ряд произведений Аврома Гольдфадена, Шолом-Алейхема, Залмана Шнеура, Ури-Цви Гринберга, Хаима Граде, Исроэла-Иегошуа Зингера, Исаака Башевиса-Зингера и других еврейских писателей. Автор многочисленных статей о еврейской литературе, в том числе о творчестве писателей ЕАО — Эммануила Казакевича, Гешла Рабинкова и Романа Шойхета. Редактор-составитель антологий созданной на идише поэзии в переводах на украинский (Киев, 2007 и 2001) и на иврит (Иерусалим, 2016), а также антологии пишущих на идише поэтов, родившихся после Холокоста (Тель-Авив, 2017). Член редколлегий книжной серии «Библиотека современной литературы на идише», журнала «Идишланд», альманаха «Биробиджан», а также израильского русскоязычного «Иерусалимского журнала». Лауреат литературной премии Давида Гофштейна.

Новая книга Велвла Чернина называется «Вегн», что имеет двойное значение на идише — «дороги» и «о». Можно было бы перевести название сборника как «О дорогах». В него вошли стихотворения, написанные с 2019 по 2021 год и объединенные в пять разделов: «Ивре-тайч» (так в Средневековье называли идиш), «Родина», «Между Иорданом и Бирой», «В Черте» и «Дороги скатертью».

Подписано в печать: 25.10.2021 г. Формат 60×84/16. Гарнитура «Times». Печать офсетная.
Тираж 500 экз. Заказ № 3651. Отпечатано в типографии ООО «Омега-Пресс»,
680000, г. Хабаровск, ул. Промышленная, 8б

